ס. און ב. פלאסטיקס לטד.
פאבריקאנטן און עקספארטערס
21, Berwick Street,
London, W.1
*Telephone:* GERard 7543

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY
CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels
26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

זיינוול דיאמאנט
„אונטערן האקנקרייץ״
א באנד נאוועלן 216 זייטן
דערשינען אין פארלאג א. ב. צעראטא,
פאריז. באשטעלונגען ביי:
E. Paluszak, 64, Lauriston Rd.,
Hackney, E.9.

נ י י - י י ד י ש ט ע א ט ע ר
פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1
דירעקטאריום: ו. קאסאף, ה. רייפעלזאן, מרס. שאפירא.
טשערמאן: מ. ביטלער. אנפירונג: א. מייזעלס. האנ. סעק.: א. ביטלער.
מאיר צעלניקער
און די פאריזער שוישפילער
מרים קאראלאווא און לעאן בלומענזאן
צוזאמען מיט די שוישפילער לויטן א״ב:
פ ר וי ע ן:— אנא בוים, שוועסטער מענטלער, קלארא מייזעלס, מעטא סענאל, אנא צעלניקער, איידא שערמאן, מיני שערמאן.
מ ע נ ע ר:— מאריס אקסעלראד, מאקס בוים, פאול גאלדשטיין, הערמאן טוניס, דוד סענאל, א. פוקס, יאזעף שערמאן א.א.
מוזיק דירעקטאר: פהיל בערנשטיין. בינע מענעדזשער: זשאק טשעפל
יעדן אוונט פארשטעלונג (פרייטאג געשלאסן)
שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג
אוונט 7.30

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

אכטער יארגאנג — לאנדאן מאי 1947 — נומער 5 (העפט 88)

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט:

די צוקונפט פון יידיש אין ענגלאנד
אדער, די צוקונפט פון יידן אין ענגלאנד — ** .. 1
מרידה (צו דער פערטער יארצייט פון ווארשעווער
געטא-אויפשטאנד) — ד״ר יעקב מייטלים .. 5
געטא אין ווארשע (ליד) — יצחק ווינער .. .. 9
מעטאלענער גורל (סקיצע) — זיינוול דיאמאנט .. .. 10
זע מענטש ווי באפלינלט דו ביסט (ליד) — משה עובד 15
מיין ערשטער רעדאקטאר (צום 70 יאריק יובילעאום
פון קלמן מארמאר) — ל. ש. קרעדיטאר .. 16
זשאן רימשארד בלאך (עסיי) — לעא קעניג .. .. 19
גלייביקע סאנעטן (4) — יעקב שמואל טויבש .. .. 22
די מהומה (דערציילונג) — י. ביעטש .. .. 24
דריי מאי גלעקלעך (3 לידער) אברהם פנחס ציקערט .. 32
א מתנה צום דיכטער א. נ. שטענצל צו זיין 50 יובילעאום
(ליד) — ש. זאלקין .. .. .. .. 33
יידישע נקמה (פון דער סעריע דערלעבענישן) — משה עובד 34
מאי... צוויי לידער (לידער) — א. נ. שטענצל .. .. 39
הער זיך איין ענגלאנד..! — הרב דוב ווארשאווסקי 43
פון לאנדאנער פאלקלאר — מעם פעלטן .. .. .. 48
פארדארבענע יידישע קישקעס (מן־הצד) — נחום שטענצעל 49
יידישע קולטור ארבעט אין לאנדאן און דאס „ניי יידיש טעאטער״ ל.ר. 51
א טעאטער־נרום פונם סאוועט־יידנטום — ש. .. .. 53
אזוי לעבט אויף א שטעטל (רעפארטאזש) מ. וויינערמאן .. 57
וועגן מיין ארטיקל איבער אייער 25־יאריקן שאפן
(א בריוו) אליהו פאלושאק .. .. .. 59
ביכער אנגעקומען אין רעדאקציע .. .. .. 61
קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ .. .. .. 62
ידיעות פון דא .. .. .. .. .. 63
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס .. .. 64

פרייז 1 שילינג

אבאנענטס־פרייז:—13/6 פאר א יאר;
אין אויסלאנד:—3 דאלאר א יאר
1/3 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן״, נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן א.1.

## צו די לייענער פון „לשון און לעבן“

דער דיכטער א. נ. שטענצל, רעדאַקטאָר פון דעם חודש זשורנאַל „לשון און לעבן“ און אָנפירער און גרינדער פון די אין ווייטשעפּל פּאָפּולערע „יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס“, ווערט דעם 9־טן מאַי, 50 יאָר אַלט. כדי צו פייערן דעם יובילאַר אויף אַ ווירדיקן אופן, איז געשאַפן געוואָרן אַ יובל־קאָמיטעט, וועלכער גרייט צו צום דרוק שטענצל׳ס נײַ בוך אונטער דעם נאָמען „אויפגעבראָכענע יאָרן“ וואָס וועט דערשיינען בקרוב.

שטענצל, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין טשעלאָדזש ביי בענדין אין פּוילן, איז אַלס 20־יאָריקער בחור אַוועק קיין בערלין.

אין בערלין, וואו ער האָט געוואוינט 17 יאָר, האָט שטענצל זיך געשאַפן אַ נאָמען מיט זיינע ערשטע זאַכן, ספּעציעל מיטן „פישערדאָרף“ און „מזל טלה“.

אין 1936 איז שטענצל פון זיינע פריינט (נישט־יידישע ענגלישע פאַרערער) געבראַכט געוואָרן קיין לאָנדאָן, וואו ער האָט זיך ווידער גענומען שרייבן, און אַרויסגעגעבן ביכער. די באַקאַנטסטע פון זיי: „יידיש“ אין 2 טיילן, „לאָנדאָן ליריק“, „עפּל“, און „דאָס קיילעכדיקע יאָר“.

אין אָנהייב פון דער מלחמה האָט שטענצל אָנגעהויבן אַרויסגעבן זיינע „ווייטשעפּעלער העפטלעך“, וועלכע ער פלעגט אַליין פאַרקויפן אין די „שעלטערס“. שפּעטער זענען די דאָזיקע העפטלעך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם באַקאַנטן און פּאָפּולערן יידיש ליטעראַרישן זשורנאַל „לשון און לעבן“.

שטענצל׳ס וויכטיקער אייפּטו אינם קולטור־אָרעמען לאָנדאָן איז בלי־ספק געווען די גרינדונג פון זיינע „יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס“, וואָס ווערן יעדן שבת — איצט שוין צען יאָר — באַזוכט פון הונדערטער יידן. די דאָזיקע שבת נאָכמיטאָגס זענען קיינמאָל נישט געוואָרן אונטערגעבראָכן, אַפילו נישט אינם „בליטץ“ אויף לאָנדאָן.

אויב דער לאָנדאָנער יידיש־רעדנדיקער עולם וועט זיך ווי געהעריק אָפּרופן אויף דעם איבערגערמאָנטן בוך לידער, וועט עס דערמעגלעכן אויך אַרויסצוגעבן, היי־יאָר, אַ בוך געקליבענע עסייען איבער ליטעראַרישע און קולטורעלע ענינים פונם בעל־יובל.

אַלע אונזערע פריינט טרעפן זיך שבת דעם 10־טן, 3 אַ זייגער, ביים יידיש־ליטעראַרישן נאָכמיטאָג, וואָס וועט זיין געווידמעט די שאַפונגען פון א. נ. שטענצל.

**דער קאָמיטעט** (פ.פ.יי.ל.)

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

אַכטער יאָרגאַנג · לאָנדאָן מאַי 1947 · **נומער 5** (העפט 88)


## די צוקונפט פון יידיש אין ענגלאַנד
### אָדער
## די צוקונפט פון יידן אין ענגלאַנד

1

אז קאַלעדזש־רבנים, „ראשי־ישיבות“ באַווייזן בראיות ברורות, אַז ווען מען וועט אָנהייבן צו לערנען דעם „טאַלמיד“ אויף ענגליש איבערזעצט, וועלן ערשט אַרויסקומען די אמת רעוורענדישע גאונים, וואָס וועלן באַלייכטן די וועלט מיט זייער חריפות און בקיאות, זיי וועלן ממש שטעלן אין שאָטן אַזעלכע קליינשטעטלדיקע פּראָווינציאַלן ווי אַ רבי חיים בריסקער און רבי אַברהמלע טשאַכאָטשעווער מיט זייער זשאַרגאָניסטישן גמרא־לומדות, — אַ קלייניקייט די סינטעזע סלאָבאָדקע און קעמברידזש. די טאַנאַאימן „שטודירט“ אויף דער שעקספּיר־שפּראַך! — איז עס גאָרנישט אַזוי איבערגעטריבן און וואונדערלעך, אַז אַ פּרעזידענט פונם באָרד אָף דעפּיוטיס, זעט שוין הימלישע וויזיעס פון קומענדיקע ציטן, ווען מען וועט שוין אין גאַנץ מלכות ענגלאַנד, — אין נענוי 20 יאָר, נעמלעך — נישט הערן מער קיין יידיש וואָרט!

דאָס אַלץ איז גאַנץ נאַטירלעך און ריכטיק! ס׳שטעלט זיך נאָר די מענטשלעכע פראַגע: וואָסער סימן דער פּרעזידענט פון באָרד אָף דעפּיוטיס האָט געטון באַוויליקן אַריינצושטעלן אינם בודזשעט פאַר „דזשואיש־עדוקיישאָן“, „רעליגיעס“ און „חיבור“ אויך פאַר יידיש, אַז ער זאָל מיט אַ ריינעם געוויסן, — נישט נאָר וויזיאָנעריש, — קאָנען אַרויסזאָגן זיין פּראַקטישע השערה, זיין פּראָפעסאָרישע היפּאָטעזע.

אָבער, ווען, אין „דזשואיש קראָניקל“ פאַרגאַנגענעם חודש, אַ יידיש־וויסנשאַפטלער (וועלכער באַמיט זיך זייער שטאַרק עס צו באַווייזן אין זיין אַרטיקל, אַז ער איז עס...) וויל אונז, „פריינט פון יידיש לשון“, איינרעדן, אַז מיר זיינען אויך ביי דער אַקאַרשט אויבן דאָ דערמאָנטער מיינונג, און זיין, דעם יידיש־וויסנשאַפטלערס, אויספיר און עצה איז דעריבער: אין די 20 יאָר, — וועלכע זיינען אונז איבעריק געבליבן, פון אונזער אַפּנעזאָגט לעבן! — כאָטש אַפּראַטעווען פון אומקום און פאַרפאַל דאָס יידיש געלייבטע ווערטל און שאַרפזיניקן וויץ; אַ שטאַב געלערנטע און יידיש־וויסנשאַפטלער מוזן זיי אויסקלייבן און סאָרטירן, גענוי פאַרטייטשן און לעקסיקאָנירן א.א.וו. די יידישע שפּראַך, וועלכע מוז אין 20 יאָר אַרום דאָ אונטערגיין און אויפהערן צו עקזיסטירן (גענוי אויסגערעכנט און מאַטעמאַטיש פעסטגעשטעלט פון אַ

באוואוסטן מאטעמאטיקער!) זאל זי כאטש איבערבלייבן אן אפגעראטעוועטע פאר דער וויסנשאפט, — די טויטע מומיע, אזויצוזאגן, פון דער יידישער שפראך, זאל כאטש בלייבן אן איינבאלזאמירטע פארן בריטישן מוזעאום! — מוזן מיר אים זאגן, דעם חשובן יידיש־געלערנטן, אז די דאזיקע זייער וויכטיקע ארבעט ווערט ענערגיש געטון אומעטום וואו יידן לעבן, פונקט ווי זי ווערט געטון אין אלע שפראכן פון אלע פעלקער, און זי איז ביז גאר וויכטיק, צומאל אן דער וויזיע פון אונטערגאנג. און זי, די דאזיקע ארבעט, איז נישט פון ווייניקער וויכטיקייט פאר אונזער ישוב דא אין לאנדאן. אבער זי טאר נישט געמאכט ווערן אויף דעם אופן פון א קאנסערווירנדיקע „חכמת ישראל" „וויסנשאפט דעם יודענטום" פון אן „אחרי מות קדושים אמור". נאר ווי דער יווא האט עס געטאן יארנלאנג אין ווילנע און יעצט אין ניו־יארק, מיט גרויס מי און אחריות פארן לעבעדיקן יידישן ווארט, עס געזונט און קערנדיק צו דערהאלטן פארן ווייטערן יידישן שאפן און פארשן.

און דער עיקר ווילן מיר אים זאגן, אז פון דעם פראקטישן צוגאנג פון פרעזידענט פון בארד אף דעפיוטיס זיינען מיר זייער ווייט, און אויב די ארבעט פונם שטאב יידיש־וויסנשאפטלער וועט האבן דעם דאזיקן פראקטישן צוגאנג צו זייער ארבעט, וועלן זיי ווייטער ווי פון „אחרי־מות" נישט קומען.. אפילו ביי דער פראפאנער גראמאטיקאליש־קאלטער ארבעט מוז מען אויך גלייבן אין „קדושים אמור"! אז נישט ווערט זי שטערבלעך אומוויכטיק.....

2

פאר אונז „פריינט פון יידיש לשון", איז יידיש נישט קיין פרעמדער קוריאוזער פויגל, אן ארונטערגעשאסענער, אים אויסצושטאפן, אדער א סופ־טראפיש־עקזאטישער שמעטערלינג אים אויפצושטעכן אויף א שפילקע; פאר אונז זינגט יידיש דאס הערלעך וואונדערלעכסטע געזאנג, קיינמאל נישט אויפצוהערן, פלאטערט אונזער שפראך אין שלל פון טויזנט פארבן צו דערפרייען אונזערע טרויעריקע אויגן; פאר אונז איז יידיש, — ווי יעדע שפראך פאר יעדן לעבעדיקן מענטש! — נישט נאר א לשון זיך צו פארשטענדיקן, זיך צו פארטייטשן, זיך צו פארפראקטישן — יידיש איז לעבעדיק יידישקייט. איז איינגעזעסן „יידיש לאנד"! און וועלן מיר עס פארלירן, חלילה, פארלירן מיר דאס פיצעלע ערד אונטער די פיס. דאס ביסעלע נאטירלעכע אטמאספערע ארום אונז. בלייבן מיר באדנלאז און אויפן כף הקלע. און גייסטיק־באדנלאזע מענטשן זיינען וואקלדיק און אומבאהאלפן! און אויפן ראנד פונם אומגליק זיינען זיי די ערשטע, וואס ווערן פארשלונגען פונם תהום.

איך דערמאן מיך, ווען מ'האט מיך, פאר איבער 10 יאר צוריק אין בערלין, גערופן צו די געסטאפא־„הער־קוואמערס", און ווען אינמיטן פון „אונזער דיסקוסיע" דעמלט, — ס'איז געווען א שווערע שקלא וטריא, אויף טויט און אויף לעבן! — גיט זיך מיין „דיסקוטאנט", דער געסטאפא־פארשטייער א דריי אויס צו א שאנק מיט ביכער און גיט א ריטשע ארויס: „דא



האסט דו דיין טאלמוד"! און באמת, איך גיב א קוק און זע שטיין דעם תלמוד אין רוסישער איבערזעצונג, שיין־געבונדן מיט גאלד־געליישטע רוקנס, צווישן נאך אנדערע פראכט־בענדער פון „וויסנשאפט דעם יודענטום".

„איך בין נישט קיין „דו". פאר אייך, און דיזער טאלמוד איז נישט מיין". דער טוץ ס.ס.־רוצחים, וועלכע זיינען געשטאנען ארום אונז האבן אויפגעקוקט ווי די גרויסע הינט, ווען זיי האבן דערהערט מיין פעסט באטאנטן ענטפער, ווארטנדיק אויף דעם באקאנטן וואינק, מסתמא, פון מיין „דיסקוטאנט". נאר ער, דערזעענדיק מיינע בליקן, פאר וועלכע ס'איז געשטאנען, נישט די שאנק דא מיטן „וויסנשאפט דעם יודענטום". נאר מיין טאטנס ספרים־שויבן־שענקל, פון וועלכן עס האבן אויף מיר ארויסגעקוקט די זשיטאמירער גמרות מיט די פעסט קנאקנדיקע בלעטער, איז ער, דער געסטאפא־פירער, אריבער צו „אונזער" ווייטערער דיסקוסיע און שוין מיט מיר גערעדט בלשון „איר".

איך דערצייל דא דעם עפיזאד, ווייל עס האט צו טון מיט תלמוד־איבערזעצונג והשנית, ווען נישט מיין יידישקייט אין מיר, — מיין יידיש־באוואסטזיין! — וואלט שוין דער טוץ ס.ס.-רוצחים, וועלכע זיינען געשטאנען ווארטנדיק, באקומען דעם באפעל צו טון מיט מיר דאס, וואס זיי האבן געטון מיט א סך פון מיין גלייכן; אויף דעם זיינען זיי דאך געשטאנען ארום אזעלכע געפירטע „דיסקוסיעס". (דורכאויס האבן זיי געוואלט ארויסבאקומען פון מיר, אז איך בין א באלשעוויק און ווי לאנג איך רעד דאס נאך אנצוגיין מיט דרוקן מיינע ביכער אין יידיש. — עס איז דעמלט שוין געווען הערבסט 1936 און איך האב דעמלט געהאט ארויסגעגעבן מיין בוך „פונדערהיים".) ווי די פאר ס.ס.־רוצחים ארום מיר, מיט זייער „קולטורעלן שארפזינער", האבן, אפנים, דערשפירט מיט זייער חיהשן אינסטינקט, אז זייער ברוטאלע לצנות קען נישט גיין ווייטער ווי איבער אט די גאלד־געליישטע „וויסנשאפט דעם יודענטום" ביכער. און אז די דייטשע איבערזעצונגען דא איז גאר נישט דער „יודן־טאלמוד" פאר וועלכן זיי ציטערן דאס אזוי אים צו פארטיליקן. און אז דער ריכטיקער תלמוד איז באדן־פארווארצלטער ווי זיי אלע צוזאמענגענומען...

3

די דייטשע „יהודים" האבן שוין געהאט דערטרייבט זייערע געזעגנע וויזיעס! מ'האט שוין קיין יידיש אין גאנץ מלכות דייטשלאנד נישט גערעדט. מ'האט שוין דעם „טאלמוד" „שטודירט" אויף הויך־דייטש. און שטאבן מיט יידישע וויסנשאפטלער און געלערנטע זיינען שוין פון לאנג אן געזעסן און קאנסערווירט און לעקסיקאניזירט דעם „יודען אידיאם".

און וואס האט זיך פון דעם אלעם אויסגעלאזן?

נאך דעם טייך מיט בלוט, און נאך די 100 יאר פון זייער געזעגנע וויזיעס, רעדן יעצט יידן אין דייטשלאנד ווידער יידיש. צייטונגען און יידישע זשורנאלן גייען ארויס דווקא אין יידיש. טעאטערס שפילן אויף יידיש און גמרא ווערט געלערנט אויף יידיש —

ווייל „משחרב בית המקדש" לעבן מיר נישט מער אין דער עפּאָכע פון וויזיאָנערע נביאות זאָגער, און נאָכן אָפּשלוס פונם תלמוד און זיינע גרויסע אלפס, ראַ"ש, רמב"ם־ווײסנשאַפטלער און לעקסיקאָנירער און פאַרטײטשער ווי דער בעל הערוך און רש"י הקדוש, איז יידיש ווידער געוואָרן דער שבעל־פה אונזערער — דער „קול העם כקול שדי"! און איז דען דער תלמוד בבלי נישט געווען אזא מין „זשאַרגאָן", אזא „יודען־אידיאָם"?

איך וויל דאָ נישט ריידן איצט פון אונזערע קלאַסיקער, פון אונזערע גרויסע פּאָעטן און שרייבער, וועלכע האָבן פעסט געהאַלטן, — ווי פעסטע ערד ס'האַלט פעסט אויסגעזייטע זריעה! — יידיש קערניק וואָרט און יאָרעדיקן פאָלקלאָר אין זייערע זיך צעוואַקסענע און צייטיקע שאַפונגען. נאָר אפילו אונזערע תלמוד־גאונים און לומדים אין די לעצטע 6—7הונדערט יאָר זיינען געווען דער קאָנדענסירטער (נישט קאָנסערווירטער!) שכל הישר און עמקות־דיקער שאַרף־זין פון אונזערע לעבעדיקע יידישע שטעט און שטעטלעך, פון אונזערע אַרבעטנדיקע און האַנדלדיקע ישובים און קבוצים.

אפילו אונזערע לעצטע נאָך, ווי א רבי חיים בריסקער און רבי אברהמלע סאָכאַטשעווער, זיינען נישט אַרויס נאָר פון די טרוקענע גמרא בלעטער, פון דער האַרטער בית־המדרש באַנק אַראָפּ — גאונות לערנט מען נישט, פאַרטייטש מען נישט, פאַרפּראַקטעווירט מען נישט, גאונות איז לעבעדיק לעבן פונם פאָלק, אַרויסשפּראַצנדיקע ושיוויצע, עמקותדיקע פאַרוואָרצלטקייט.

נאָך די לעצטע קרייץ־צוגן, ווען עס האָט זיך אונז אויסגעדאַכט, אַז מיר האָבן שוין דעם לעצטן פוס־טריט אונטער אונז פאַרלוירן, האָבן מיר אָנגעהויבן פון אונזער בלוט אַרויסצוגעווינען טפּה נאָך טפּה אונזער „יידיש־לאַנד" — יאָ מיר האָבן עס „צעאַקערט מיט דער נאָז"! און אונזערע בלוט־קערנער אין אים פאַרזייט! און וואָס פאַר רויט־זאַפטיקע און שמעקעדיקע פּרוכטן עס האָט געצייטיקט. און ביז מיר וועלן נישט ווידער דערשפירן ריכטיקן באָדן אונטער אונזערע פיס, איז יידיש דערווייל דאָס איינציקע, וואָס מאַכט אונז איינגעזעסן אין אונז, ווי אויף פעסטן באָדן, וואו נאָר מיר זיינען. עס פאַרוואָרצלט אונז און פאַרצווייגט אונז צו איין שטאַמיק פאָלק. און פאַרצווייפלטע נאָך וועלן מיר קעמפן פאַר דעם לעצטן טפּה פון אונזער „יידיש־לאַנד"! וואָרים דער וואָס רעדט נאָך יידיש, אָדער פאַרשטייט נאָך יידיש, אָדער שפּירט נישט קיין האַס צו יידיש, איז נאָך יידיש, און אויב אין 20 יאָר אַרום, יידיש וועט מער נישט עקזיסטירן אין גאַנץ מלכות ענגלאַנד, וועלן אויך קיין יידן נישט מער זיין אין ענגלאַנד. „יהודים", אפשר יאָ, נאָר צי זיי וועלן נאָך האָבן אינטערעס פאַר אָנגעזאַמלט יידיש פאַרשונגען בין איך שטאַרק מסופּק, הלואי זאָל זיי זיך נישט נאָר שעמען דערמיט, זיך צו וועלן באַקענען דערצו, ווי די רעכטלעכע יורשים פון דער נאָרנישט פּראַקטישער ירושה. נאָר, אַז מ'וועט דעמאָלט שוין קיין תלמוד נישט מער לערנען אין גאַנץ מלכות ענגלאַנד, אין דעם בין איך שוין במעט, יאָ זיכער.



## דר. יעקב מייטליס

# מרידה

(צו דער פערטער יאָרצייט פונם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד)

די טעג האָט זיך געיערט דער היסטאָרישער אויפשטאַנד פון דעם הייפעלע גבורים אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט זיך גבורה׳דיק אָנגעהויבן דעם 19־טן אַפּריל 1943 און אָנגעהאַלטן גאַנצע פיר וואָכן ביז צום 16־טן מאַי, ווען ער האָט זיך בלוטיק פאַרענדיקט מיט דעם פולשטענדיקן אונטערגאַנג פון דעם לעצטן רעשטל פון דעם יידישן וואַרשע. יעדער פאַר זיך, אבלים פון דעם אַזוי אומצייטיק פאַרשניטענעם פוילישן יידנטום, פילט אין די טיפענישן פון זיין אָנגעווייטיקט האַרץ, אַז די וווּנד איז צו רוי, אַז נאָך גאָרנישט האָט זיך פאַרהיילט און עס איז דעריבער נאָך נישט געקומען די צייט צו שרייבן „אָביעקטיווע" באַריכטן און געבן אָפּשאַצונגען פון יענע גרויסע, אמת־העראָאישע טעג, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט מיט פייער און בלוט אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, אָבער ביחידות, אין דער איינזאַמער שטילקייט פון אונדזער טיפער טרויער וועלן אונדזערע ליפּן שעפּטשן א שטילע יזכור־תפילה פאַר אַט די ווייניקע, די מעטים, וואָס האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם שאַנד־פלעק פון פּאַסיוויטעט, פון שוואַכקייט און דערשראָקנקייט און גענומען ביד רמה, פאַר די אויגן פון אַן אינדיפערענטער וועלט און אַקעגן אַן אכזריות׳דיקן, בלוטיקן שונא, פאַרטיידיקן דעם כבוד פון ייד און מענטש, וואָס זיי, די באַרבאַרן פון׳ם 20־טן יאָרהונדערט האָבן אַזוי גרויזאַם פאַרשוועכט און דערנידעריקט. זיי אָבער, די מאָדערנע מכבים, האָבן מיט שטאָלץ און מוט געטראָגן די פאָן פון אינעווייניקסטער פרייהייט, פון יושר און מענטשלעכקייט און דאָס האָט זיי צוגעגעבן כח אין דעם שווערן, אימה׳דיקן קאַמף, וואָס זיי האָבן געפירט קעגן אַ ראַפינירטן, מורא׳דיקן שונא, וואָס האָט זיי באַהאַנדלט ערגער ווי די ווערסטע שקלאַפן, ווי קרבנות פון זיין גאָטלאָזן ווילן.

דער אויפשטאַנד אין געטאָ איז שוין מלכתחלה געווען אַ האָפנונגלאָזער. עס איז געווען אַ יציאת־נשמה־קאַמף, אַ קאַמף פון אומגלייכע, פון טויט־געצייכנטע. אויף דער איינער זייט אַ הייפעלע אויסגעהונגערטע, אויסגעמאַטערטע, דערנידעריקטע מענטשן, הערמעטיש אָפּגעשלאָסן פון דער אַרומיקער וועלט, אָן הינטערגרונט פון דאָרף און וואַלד, וווּהין צו אַנטלויפן, אָן אָביעקטיווע מעגלעכקייטן פון נצחון, אָן געווער און אַמוניציע, אַרומגערינגלט פון אַן אייזערנעם רינג פון פיינטשאַפט און אוממענטשלעכקייט. אויף דער אַנדערער זייט אַ מאָדערן־באַוואָפנטער, אכזריות׳דיקער שונא, מיט אַן איבערמאַכט הן אין מענטשן און הן אין קריג־מאַטעריאַל, מיט עראָפּלאַנען און טאַנקן, וואָס איז נישט אָפּגעשניטן פון דער וועלט דרויסן, נאָר, אדרבא, ער קען זיך באַוועגן פריי און אומגעשטערט און האָט אַלע מעגלעכקייטן צו פירן דעם קאַמף ביז צו זיין נצחון׳דיקן סוף. אַט טאַקע דערפאַר האָט דער דאָזיקער אויסזיכטלאָזער געראַנגל געהאַט אַ געוואַלטיקע מאָראַלישע און פּאָליטישע באַדייטונג. ער האָט דער גאָרער וועלט באַוויזן, אַז אַט די הילפלאָזע, ביז גאָר פאַרפייניקטע

יידן וועלן בשום אופן נישט מסכים זיין אונטערצוגיין ווי אַ ווילענלאָזע, פּאַסיווע מאַסע פון שקלאַפן און צו דער שחיטה־באַשטימטע קרבנות. און אַז יידן זיינען בכח און קענען קעמפן אַפילו אין אַזעלכע אוממענטשלעכע, אומגלייכע און האָפנונגלאָזע באַדינגונגען, ווען עס איז אַפילו נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג ווי דער טויט. אָט דער פאַקט אַליין איז בעצם שוין געווען אַ הילכיקער כאַטש אין דער חזירישער מאָרדע פון היטלער׳ן און זיינע בלוטיקע רוצחים. האָבן דאָך די הענקערס געפּרוּווט טאָג־איין, טאָג־אויס אין משך פון לאַנגע, יסורים׳פולע דריי יאָר צו אונטערמינעווען די מאָראַל און דעם גייסטיקן ווידערשטאַנד פון זייערע שוצלאָזע קרבנות, איידער זיי האָבן זיי דערלאַנגט דעם לעצטן, פאַטאַלן טויט־קלאַפּ. האָט אָבער דאָ אויפ׳ן באָדן פון וואַרשעווער געטאָ, ווי שוין אָפט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, פּאַסירט אַ נס, געבוירן אַרויס פון דער טיפסטער גייסטיקער און מענטשלעכער נויט. אַז די צום טויט־פאַרמשפּט׳ע האָבן נישט געוואָלט מקבל־באהבה זיין דעם שונא׳ס גזר־דין און האָבן זיך גענומען אַנטקעגנשטעלן מיט זייערע נאַקעטע לייבער און בלויזע פויסטן די ברוטאַלע, ביז צו די ציין־באַוואָפנטע מערדער־אַרמייען פון היטלער־דייטשלאַנד און געקעמפט ביז צום סאַמע לעצט...

* * *

מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם און מיט אַ ציטער אין האַרץ האָב איך אין די אבלות־טעג פון דער טרויעריקער יאָרצייט געלייענט די מגילה פון אונטערגאַנג פון וואַרשעווער געטאָ.[1] עס איז אַ פאַקטישע געשיכטע, אָן באַפּוצונג, אָן דריידלעך און העיוות, אָבער ווי גרויס, ווי ערלעך, ווי טיף־מענטשלעך און צוליב דעם טאַקע איבערצייגנד. מיר ווילט זיך דוכטן, אַז אָט די מגילה וועלן אונדזערע קומענדיקע היסטאָריקער רייען צוזאַמען מיט די אַלטע היסטאָרישע מגילות, אָנהויבנדיק פון דער מגילת איכה און ענדיקנדיק מיט די כראָניקעס פון די קאַטאַסטראָפע־יאָרן פון ת״ח ות״ט און שפּעטער. עס איז די מגילה פון חורבן וואַרשע מיט אַלע פּרטים פון אונדזער גרויסן נאַציאָנאַלן בראַך. עס איז אַ דאָקומענטאַרישער באַריכט פון דעם גרויסן אויפברויז פון די באַהאַלטענע, טיף־פאַרוואָרצלטע און אויף דעם דורות־אַלטן באָדן פון פּוילישן־יידנטום אויסגעהאָרעוועטע לעבנס־כחות פון אונדזער יוגנט, וואָס אָרגאַניזירט זיך אינ׳ם לעצטן מאָמענט (ליידער שוין טאַקע צו שפּעט) צו אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיט אַ שונא, וואָס אַלע זיינע כוונות זיינען געווען צו פאַרלענדן די לעצטע רעשטלעך פון דעם אַזוי שטאָלצן, אַזוי רייכן און שיינעם יידנטום פון פּוילן.

אין וואַרשעווער געטאָ און שפּעטער אין אַ סך אַנדערע געטאָס אין פּוילן, האָבן זיך די דייטשן אָנגעשטויסן צום ערשטן מאָל אין אַ גייסט, וואָס איז פאַר

[1] „דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ" (פּויליש) פון דר. יוסף קערמיש. אַרויסגעגעבן פון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע ביים צ.ק. פון די יידן אין פּוילן. לאָדזש 1946 (נר. 26).



זיי, די איבערהאַרן, די שטאָלצע נאָרדישע ראַסע־מענטשן, געווען אַ קאָמפּלעט חדוש און וואָס זיי האָבן לחלוטין נישט געקענט פאַרשטיין. וואָס איז דאָס געוואָרן פון די נעכטיקע שקלאַפן, ווילענלאָזע, פּאַסיווע קרבנות פונ׳ם נאַצי־טעראָר, ווי איז דאָס איבער נאַכט פאָרגעקומען דער גרויסער נס פון טראַנספאָרמאַציע, פון איבעראַנדערשן, פון שוואַכקייט צו גבורה, פון הינטישער אונטערטעניקייט צו אָפענער העלדישער מרידה?

לייענט מען די באַריכטן אין קערמישעס בוך, דערמאָנט מען זיך לעבעדיק אין די בילדער, וואָס ווערן אונדז געשילדערט אין דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור פון אַמאָליקן חורבן ירושלים. געטאָ־וואַרשע איז געווען אַ באַלאַגערטע שטאָט און פון אַלע זייטן האָט זיך די איבערמאַכט פון שונא געריסן זי צו פאַרניכטן. דער אָנגעצונדענער קאַמף איז אָנגעגאַנגען מיט אוממענטשלעכער פאַרביטערונג, מיט איבערמענטשלעכע כחות פון גאַס צו גאַס, פון הויז צו הויז, אַפילו פון דירה צו דירה. מען האָט דעם דייטש גאָרנישט געשענקט. ער האָט געמוזט שווער בלוטיקן, זיין נצחון איז נישט געווען קיין לייכטער.

האָבן די רוצחים געזען, אַז זיי קענען די מוטיקע פאַרטיידיקער נישט ביי־קומען אין אָפענעם קאַמף, האָבן זיי זייערע טאַנקן און עראָפּלאַנען נישט געבראַכט דעם פאַרהאָפטן שנעלן דערפאָלג, האָבן די יידן זיי געשטעלט אָן אומדערוואַרטעטן, שטאַרקן ווידערשטאַנד און נקמה גענומען פון די ס. ס. לייט און דער מערדערישער פּאָליציי, דעמאָלט האָט דער שונא אָנגעצונדן דאָס געטאָ. זיינען הייזער געשטאַנען אין אַ פלאַם־פייער, האָט מען בונקערס, וואו הונדערטער מענטשן האָבן זיך געהאַט באַהאַלטן, אויפגעריסן מיט דינאַמיט, כדי אַזוי אַרום אָפּצושוואַכן די פאַרטיידיגונג־פּאָזיציע פון די מוטיקע קעמפער. האָט געטאָ־וואַרשע אין יענע אַנטשיידנדיקע טעג גיכער אויסגעזען ווי אַ פייערדיקער גהינום, ווי אַ שטאָט מיט טויזנטער יידן, קינדער, פרויען, אַלטע און יונגע, הערן מיר פון מענטשן, וואָס שפּרינגען פון די אייבערשטע שטאָקן אין די פייערן אַריין, כדי נישט אַריינצופאַלן לעבעדיקערהייט אין די הענט פון דעם שונא. אַנדערע ווידער קעמפן מיט געווער אין די הענט אין דעם גהינום פון פייער און בלוט ביז צום לעצטן. פון אַרום הערן זיך אויפרייסן, פייערן כאַפּן אַרום הייזער און מענטשלעכע לייבער, אומעטום איז טויט און פאַרניכטונג, שגעון און אונטערגאַנג.

אַ טייל איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אָדער צו אַנטרינען אין די קאַנאַליזאַציע־רערן. האָבן די דייטשן פאַרמויערט די אויסגאַנגען אָדער באַנוצט גיפט־גאַז, כדי צו פאַרסמ׳ן די אַנטרונענע. זיינען מענטשן אָפט געלעגן גאַנצע מעת־לעת׳ן, הונגעריקע, אויסגעמוטשעטע, פאַרשטאַרעטע אין די וואַסער־רערן פול מיט שמוץ און פּאַמיעס. מען איז געטרעטן איבער די קערפּערס פון אַנדערע, געשטופּט זיך, געגליטשט זיך, אָבי נאָר אַרויסצוקומען אויף דער פריי, אין דער אַרישער וואַרשע. דערציילט אונדז דער באַריכט, אַז מענטשן האָבן געפּרובט אַרויסלויפן פון אַ ים פון פייער, געיאָגטע פון אַ מין ווילדן אימפּעט צום לעבן, ביז אַלץ איז געוואָרן איין לעבעדיקער קנויל פון פיי־

הענט און קעפ, באַגלייט פון וויינען פון קינדער, פון געשרייען פון פרויען, און שמאַרצפולען יאָמער פון קראַנקע און שוואַכע...

און די וועלט דרויסן האָט זיך אַ צופרידענע און מיט אַ יו״ט־אויסדרוק אין פּנים רואיק צוגעקוקט, ווי דאָס לעצטע רעשטל פון הילפלאָזע, אויסגעמאַטערטע געטאָ־גבורים ווערן נאָך אומבאַשרייבלעכע פּיין און ענוים געפירט צום קרייז אין די פּסח־טעג פון יאָר 1943.

* * *

די וועלט היינט איז געבליבן אַזוי קאַלט, אַזוי אינדיפערענט צו אונדזערע צרות ווי אין די יאָרן פון דער גרויסער היטלער שחיטה. יידן ליידן האָט בכלל אויפגעהערט צו אינטערעסירן, עס אַרט קיינעמען נישט. (טאָמער אָבער זאָל חלילה וחס דער מינדסטער ייד באַגיין דאָס קלענסטע פאַרברעכן, דעמאָלט קאָכט זיך די גאַנצע וועלט, טומלט זיך די פּרעסע און די מיילער ווערן גאַרנישט מיד צו רעדן!). זיינען מיר יידן דאָך מאַכטפּאָליטיש קיינמאָל נישט געווען קיין וויכטיקער פאַקטאָר. היינט זיינען מיר אפילו אויך פינאַנציעל נישט מער שטאַרק. איז צוליב וואָס זאָלן זיך היינט מלוכה־מענער און סתם מאַכט־פּאָליטיקער מיט אונדז רעכענען? נישט אומזיסט האָט היטלער באַוויזן, אַז מען מעג אויסקוילענען 6־7 מיליאָן יידן און קיינער האָט זיך אפילו גאַרנישט אויפגערעגט דעריבער. עס איז הס מלהזכיר, דעם נאָמען ייד טאָר מען נישט דערמאָנען, מכל שכן נישט צום שבת. ליידן און סימפּאַטיע צו די וואָס ליידן, פאַרלאַנגט דאָך אַ פּאָזיטיווע באַציונג. די האָט די וועלט צו אונדז נישט. אדרבא, זי זוכט זיך ווי אַמשנעלסטן דערפון אַרויסצופּלאָנטערן און בעל־כּרחה אַריבערגיין צו דער טאָג־אָרדנונג.

און ווי האַלטן מיר אין דער יידישער וועלט? ווילן מיר דען אויך נישט וואָס גיכער פּטור ווערן פון דעם שחיטה־קאָשמאַר. ווילן מיר נישט בעסער אַלץ פאַרגעסן, באַרויקן אונדזער פינסטער געמיט, זיך צופּאַסן צו די באַדינגונגען אין וועלכע מיר לעבן און מקבל זיין אַלץ באהבה? (עס איז דאָך אַזוי מענטשלעך צו וועלן פאַרגעסן די צרות!).

הייסט עס, אַז 6 מיליאָן יידן זיינען אומגעקומען אומזיסט, אַז די מרידה פון יענע וואַרשעווער העלדן האָט נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג, אַז מיר האָבן דערפון גאָרנישט אָפּגעלערנט? ניין, אויב די קרבנות און די אויפשטאַנדן פון די געטאָס האָבן געהאַט אַ זין, טאָ האָבן זיי אויף אונדז אַרויפגעלייגט אַ געוואַלטיקע מאָראַלישע אחריות פון אויפטרייסלען די אַנטשלאָפענע געמיטער, רעוואָלטירן די מוחות און הערצער און אָנהאַלטן די הייליקע פלאַם פון מרידה. עס איז די צוואה פון די געטאָ־גבורים זיך נישט אונטערצוגעבן, פאַרטזעצן דעם שווערן קאַמף פאַר אונדזער לעבן און אונדזערע רעכט, פאַר אונדזער עקזיסטענץ און מענטשלעכן כּבוד. אָבער קודם כּל איז דאָס מרידה כּלפּי פּנים, אַ רעוואָלט קעגן דעם אינדיפערענטיזם, קעגן דער קולטורלאָזיקייט, ווי קעגן דער זאַטקייט און פאַלשער צופרידענקייט אין אונדזערע אייגענע רייען. מיר



טאָרן נישט דערלאָזן, אַז דער אַזוי טראַגישער און בלוטיקער קאַפּיטל פון אונדזער נעכטיקער געשיכטע זאָל אַזוי גיך ווערן פאַרגעסן.

און אפשר זיינען טאַקע אויך צווישן יענע, וואָס די וועלט האָט אַזוי לייכט געשטעמפּלט אַלס באַנדיטן און טעראָריסטן (אַזוי האָט אויך דער בלוטיקער נאַצי־גענעראַל סטראָפּ, וואָס האָט אָנגעפירט מיט׳ן פאַרניכטונג־קאַמף, באַצייכנט די העלדן פון געטאָ אויפשטאַנד) פאַראַן אַזוינע, וואָס האָבן אויף אַן אמת ממשיך צו זיין די טראַדיציע פון בונט און מרידה (אָבער נישט פון מאָרד און אומזיסטער שפיכת דמים) קעגן דעם פינסטערן יידישן גורל. און וואָס האָט זיך מיט אַזאַ אַפּאַטעאָז פאַרענדיקט אויפ׳ן באָדן פון וואַרשעווער געטאָ? און באַוויזן נישט טעגלעך יענע שטילע אָבער גבורה׳דיקע העלדן־בויער, וואָס האָבן גענומען אויפלעבן די וויסטענישן אין יהודה און גליל, וואָס באַפרוכפערן מיט זייער שווייס און בלוט דעם האַרטן, פאַרשטיינערטן באָדן אין א״י (און ווען וואָס די וועלט דרויסן ווייס אַזוי ווייניק!), אַז פאַר זיי איז וואַרשע נאָר אַן עטאַפּ אין דעם לאַנגן קדוש־השם פּראָצעס פון יידישן פאָלק, וואָס מוז ווערן עקשנות׳דיק פאָרטגעזעצט?

זיי אַלע בונטעווען זיך קעגן אַ וועלט, וואָס באַציט זיך אַזוי באַליידיגענד קאַלט צו אונדזערע יסורים און פּיין. זיי ווילן נישט אַקצעפּטירן דעם גזר דין פון גורל, זיי ווילן זיך נישט אונטערגעבן, זיי קענען נישט קיין קאָמפּראָמיסן.

די מרידה פון געטאָ־וואַרשע איז אַ שטאַפּל אין דער גרויסער לייטער, וואָס פירט באַרג־אַרויף צו דער אויסלייזונג פון יידישן פאָלק. זי מאָנט און פאַרלאַנגט פון אונדז נישט נאָר אַ יזכור־תּפילה, אַ זיפץ און אַ טרער, נאָר דעם גייסט פון מעשים, פון ווידערשטאַנד און געראַנגל פאַר אונדזער באַפרייאונג און אַ בעסערן מאָרגן.

## יצחק ווינער (אדמאָנט־עסטרייך)

# געטאָ אין וואַרשע

ראַנגלט זיך געטאָ אין וואַרשע,
מיט שמאָלענער מייער פאַרצוימט.
ס׳פלאַטערט די פאָן אַ בלאָ־ווייסע,
מיט בלוטיקער רויטקייט באַזוימט.

סע ברענען די הייזער אין געטאָ
פון יידישער פראַצע און מי.
...שטעלט זיך אַ רגע אַן אָדלער —
און לאָזט זיך באַלד ווייטער אין פלי....

— דער לעצטער פון אלע פארלאנגען
נישט גיין צו דער שחיטה ווי שאָף!
מיר טאָרן דאָ פריער נישט שטאַרבן,
ביז שונא באַקומט אונזער שטראָף!

און ס'טראָגט די צוואה דער אָדלער,
דורך פלאַמען פון ברענענדיקע ווענט,
פארשווינדט אינם פייער פון חורבות —
פליט ווייטער און ווערט נישט פאַרברענט.

און ס'פליען די קוילן אַלץ אָפטער
מיט זיכערע שאָסן געצילט.
שטינקען פּנים פאַרקרימטע
אין קליידער פאַרלויזטע געהילט.

און ס'קעמפן די יידן אין געטאָ
פאַרציימטע אין חיה'שן קלעם.
פאַר אייביקן רום פון ישראל
געגאַנגען אויף קידוש־השם!

זיינוול דיאַמאַנט

## מעטאַלענער גורל

— סקיצע —

איך בין שוין אַזויפיל מאָל געפאָרן אויף וועגן, אויף באַנען, און נאָך קיינמאָל האָב איך אַזויפיל מעטאַל, אַזויפיל אייזן נישט געזען, ווי אין יענעם גראָעם, האַרבסטיקן אָקטאָבער־פרימאָרגן... שוין דער פרימאָרגן אַליין, וועלכער איז נאָך געלעגן אויף דער גרענעץ צווישן נאַכט און טאָג — עס איז שוין קיין נאַכט נישט געווען און עס איז נאָך קיין טאָג נישט געוואָרן — איז געווען אַן אייזן־קאַליר, אַ מעטאַלענער: די ערד האָט אויסגעזען ווי פאַרזשאַווערטער אייזן; און אין די גאַסן פון זשעניוו האָבן אייזערנע לאַמטערנס מיט זייערע גלעזערנע וואַזעס געגאָסן געל־בלאַסן ליכט אויף דעם אויפגייענדיקן, יונגן פרימאָרגן... עס האָט אויסגעזען, גלייך ווי די אייזערנע לאַמטערנס וואָלטן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן דעם אָנקומענדיקן, בלאָעם פרימאָרגן, גלייך ווי זיי וואָלטן מיט זייער אייזערנער קראַפט געוואָלט אויך דעם טאָג, אויך די זון באַהערשן...

אַ שלענגלדיקע, אייזערנע באַן, אַן אָנגעפּאַקטע פול מיט נעבעכדיקע, ניט־אויסגעשלאָפענע מענטשן שלינגט מיך איין און לויפט מיט מיר אַקעגן דעם בלאָעם פרימאָרגן, באַגעגענען דעם נייעם טאָג וועלכער ווערט איצט געבוירן...

מעטאַלענע שינעס, גלאַנציקע ווי שווערדן, ליגן פאַר־וויז געלייגט אויף מיין וועג. צענדליקער נישט־אויסגעשלאָפענע מענטשן, אין בלאָע אַרבעטס־קליידער, רייסן זיך בחברותא מיט שטיקער שטאָלענע שינעס, ווילן זיי דווקא



אויעקרייסן פון דאָרט, וואו זיי ליגן שוין זינט לאַנגע יאָרן... מעכטיקע, אייזערנע, טורעמדיקע פיליאַנען טראָגן אויף זייערע שאַרפע שפּיצן מעטאַלענע אַנטענעס און עלעקטרישע קאַבלען, געדרייטע ווי די שטריק, מעטאַל און אייזן! אייזן און אייזן! אַלץ איז פון אייזן! אפילו דער פרומער באַרג, מיט זיין ווייסער יאַרמעלקע אויפן קאָפּ, וועלכער שטייט איצט אויף פון זיין נאַכטיקן שלאָף און קריכט אַ פאַרשלאָפענער אַרויס פון די וואָלקנדיקע פערענעס — איז אויך אַ גראָער, אַן אייזערנער!... און די זינגענדיקע, אייזערנע באַן פאַלט אין די אָרעמס פון אַן אייזערנער בריק וועלכע זי באַגעגנט אויף איר וועג. אייזן מיט אייזן צעקושן זיך, און אונטער מיינע פיס זינגען זיי צוזאַמען אויס אַ קלינגענדיקן, מעטאַלענעם „גוט־מאָרגן־געזאַנג“ צו דעם נייעם טאָג, וואָס איז נאָר וואָס אויף דער וועלט געקומען...

נאָך קיינמאָל האָב איך אויך וועגן מעטאַל, וועגן אייזן, אַזויפיל נישט געטראַכט ווי אין יענעם פרימאָרגן; די גאַנצע וועלט האָט מיר אויסגעזען גלייך ווי זי וואָלט געהאַלטן אין פאַרמעטאַלט, אין פאַראייזנט ווערן... „דער שוואַכער מענטש מוז קעמפן קעגן אַזויפיל מעטאַלענע, אייזערנע כוחות... מלחמה־צייט — מיט די שטאָלענע און אייזערנע כלי־משחית, און שלום־צייט — מיט די שטאָלענע און אייזערנע מאַשינען אין די פאַבריקן... שלום־צייט ווילן דאָס מעטאַל, דאָס שטאָל און דאָס אייזן, צונעמען ביים מענטשן זיין חיונה, און אין מלחמה־צייט — זיין לעבן גאָר אינגאַנצן“...

„דאַרפן מיר דען נישט פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם?... דאַרפן מיר דען נישט אפשר גאָר אַלע אונזערע כוחות אָנווענדן, כדי דער מענטש זאָל דעם ווערט און די קראַפט פון מעטאַל דערקענען, כדי צו קענען זיך מיט דער קראַפט פאַרמעסטן, שטעלן איר אַ ווידערשטאַנד, און גאָר ווערן, מיט איר כוח, פעיק צו לעבן און געדייען אין דער מעכטיקער מעטאַל־עפּאָכע אין וועלכער מיר לעבען?“...

אָט אַזעלכע מיני מחשבותן זענען מיר געקומען אויפן זינען, בעת איך בין אין יענעם גראָען, האַרבסטיקן פרימאָרגן געפאָרן באַזוכן אַ יונגן חבר, ביי וועלכן אַ כירורג פון אַ ציריכער שפּיטאָל האָט דאָ נישט לאַנג אַרויסגענומען פון זיינער אַ לונג, אַ שטיק אייזן פון זיבעציק גראַם די וואָג — אַ שפּליטער פון אַ דייטשן האַנט־גראַנאַט, וועלכער האָט געזעסן אין דעם יינגלס לונג אַ צייט פון דריי יאָר מיט פיר חדשים...

* * *

געמיינט האָב איך, אַז איך וועל דעם יונגן חבר טרעפן זיך אָפּרוען, פון זיינע שווערע איבערלעבונגען און פון זיין שווערער אָפּעראַציע, ערגעץ אויף אַ בעטל אין דעם קיבוץ וואו ער האַלט זיך אויף; ערשט, ניין!... איך האָב דעם בחור דאָרט נישט געפונען! ער איז פון דעם קיבוץ אַוועק!... און אַוועק איז ער אַהין, דאָרט, וואו עס הילכן האַמער־קלאַנגען אויף קאָוואַדלעס; וואו עס זינגט דאָס געזאַנג פון פייל אויף אייזן; וואו שטאַרקער, עלעקטרישער שטראָם באַהעפט אויף אייביק מעטאַל צו מעטאַל, אייזן צו אייזן; און וואו פון אָט די באַהעפטונגען עס ווערן געבוירן מעטאַלענע באַשאַפעכצן צום דינסט פון דער

מענטשהייט — ער איז אוועק אין דעם שכנותדיקן שטעטל, וואו עס איז פאראן א ווארשטאט פון „ארט"...

שטייען שורות יידישע בחורים, פון פוילן, פון ליטע, פון רומעניע, פון סלאוואקיע און פון אונגארן, מיט צער אין די הערצער, און מיט לעבנסווילן, מיט עקשנות אין די אויגן... קינדער זענען זיי נאך געווען, ווען די רוצחים זענען אין זייערע שטעט אנגעלאפן, האבן זייערע טאטע־מאמעס און זייערע נאענטסטע ערגעץ פארשלעפט און אויסגעמארדעט; און זיי אליין האט מען, ווי יונגע, נאך־נישט־באפעדערטע פייגעלעך, פון זייערע נעסטן ארויסגעריסן; אין ווייטע, פרעמדע, אומבאקאנטע מדינות פארשלעפט; און דארט האט מען זיי געצוואונגען, אונטערן בייטש פון זייערע עלטערנס מערדער, פאר „זיי" כלי־משחית צו שמידן...

ארום די קינדער האבן קרעמאטאריע־אויוונס געריכערט; האבן פארוואנדלט אין רויך זייערע טאטעס, מאמעס, ברידער און שוועסטערן — און נאר זיי אליין, האט דער גורל באשטימט, צו איינציקע פון טויזנטער, צו איינציקע פון גאנצע שטעט — צו בלייבן לעבן...

איצט ארבעטן זיי פאר זיך. זיי לערנען זיך באהערשן דאס מעטאל, דאס אייזן, כדי שפעטער צו קענען דערפון לעבן און דערמיט קעמפן פארן לעבן...

שטיל, קול־דממה־דקהדיק, ברומען זיי זיך אונטער אלטע, ווייט־באקאנטע, יידישע ניגונים וועלכע זיי האבן אמאל, אלס קינדער, אין זייערע היימען פון זייערע טאטע־מאמעס געהערט.

...הקול קול יעקב — נאר הענט האבן זיי שוין אביסל אנדערע... עס זעט אויס, גלייך ווי מען וואלט צו די שווארץ־אויגיקע, געלאקט־קעפיקע יידישע בחורים, אנדערע, נישט־יידישע הענט צוגעטשעפעט... פעסט האלטן זיי די לאנגע, שטאלענע פיילן אין זייערע מיט קאצעט־נומערן אויסגעברענטע הענט, און זיי פיילן ריטמיש די שטיקלעך אייזן וועלכע זיי האבן אין אייזערנע צוואנגען פארקלעמט... און אט פארשטעלט זיך איינער פלוצים זיין ישיבה־בחורשן פנים מיט אן אייזערנער מאסקע; ער ווערט אליין אויף א ווײלע אן אייזערנער מאנסטער; אין זיין האנט צעצינדט זיך א רעגנבויגנדיקער פייער, וועלכער שפריצט מיט א פייערדיקן רעגן אויפן ווארשטאט — און ער באהעפט אזוי ארום איין שטיק אייזן צום אנדערן; ער איז די צוויי באזונדערע, פרעמדע שטיקער אייזן מזווג אויף אייביק...

* * *

„וואס עפעס גראד מעטאל?" — פרעג איך דעם יונגן חבר.

דער בחור בלייבט שטיין ביי זיין אייזערנער צוואנג מיט א צענומענעם טריט, דעם רעכטן פוס פאראויס און מיט דער פייל זיינער אין די הענט, ווי אין א שיס־פאזיציע, צום צילן:

„שוין זינט זעקס יאר ווי עס ציט מיך צו מעטאל, צו אייזן", רעדט צו מיר דאס לענגעכדיקע פנים, די שארפע נאז און דער געקרייזלטער קאפ שווארצע האר; און זיינע קויל־שווארצע אויגן צעפינקלען זיך מיט קליינע, ווייסע פייערלעך... אזעלכע פייערלעך אין זייערע אויגן האבן געמוזט האבן די קעמפער אין



די געטאס און די פארטיזאנען אין די וועלדער... „דרייצן יאר בין איך אלט געווען, ווען די דייטשן זענען אין אונדזער שטעטל אריין. ווען זיי האבן אלע יידן פון שטעטל, און אויך מיינע טאטע־מאמע הינטער דער שטאט ארויסגעטריבן, און דארטן זיי באפוילן, אז זיי זאלן אליין, מיט זייערע אייגענע הענט פאר זיך קברים גראבן... אין מיר האט זיך דעמאלט דערוועקט א שטארקער פארלאנג צו נקמה; „זיי" האבן אבער אלע געהאט געווער: פולעמיאטן, ביקסן, רעוואלווערן און האנט־גראנאטן — און איך האב נישט געהאט מער ווי מיינע הוילע, קינדישע הענטלעך... און דערפילט האב איך דעמאלט דעם כוח פון מעטאל! פון אייזן! ... צווישן די באשטיוולטע פיס פון די רוצחים האב איך זיך פלינק אדורכגעגליטשט, און בין אין נאענטסטן וואלד אוועקגעלאפן... דארטן האב איך זיך צווישן די קוסטעס באהאלטן... איך האב געבענקט נאך מיינע טאטע־מאמע... איך האב פונווייטן געהערט די שאסן וועלכע האבן מיינע טאטע מאמע געטויטעט... און איך האב געבענקט נאך א ביקס, א רעוואלווער, באדיי א שטאבע אייזן, מיט וועלכן איך זאל קענען צום קבר צוריקלויפן, כאטש איינעם פון מיינע טאטע־מאמעס מערדער דערהרגענען און דערנאך שטארבן מיט זיי צוזאמען; ליגן מיט מיינע טאטע־מאמע צוזאמען אין דעם זעלבן גרוב... אבער אין וואלד איז גארנישט מער געווען, ווי נאר גראז און העלץ, העלץ און גראז... שפעטער האב איך זיך מיט פארטיזאנער געטראפן; זיי האבן ביקסן געהאט; מיר אבער האבן זיי קיין ביקס נישט געוואלט געבן... „א ייד — האבן זיי געזאגט — קען סיי ווי זיך מיט געווער נישט באגיין, און בפרט נאך אזא קליין יודעלע ווי דו"... נאדיר בעסער א שטיק ברויט, און ליג דא און ווארט ביז מיר וועלן צוריקקומען"...

„איך האב אבער נישט געוואלט דארטן ליגן און ווארטן — דערציילט מיר דער בחור און זיינע אויגן קוקן שטאר אין דער ווייטקייט, גלייך ווי ער וואלט דארטן, אויף דעם אקייגנאיבערדיקן בארג דאס אלץ איצט אויפסניי געזען — אויפן בויך האב איך זיך פונווייטן נאך זיי נאכגעפויזעט, האב זיך צוגעקוקט ווי זיי לאדענען אן די ביקסן, ווי זיי צילן אין די דורכפארנדיקע דייטשן אויפן שליאך, ווי יענע פאלן ארונטער פון זייערע פערד, פון זייערע וועגענער, און דאס הארץ אין מיר האט געפלאטערט פאר פרייד... און שפעטער, אז „יענע" האבן זיך געכאפט פונוואנען די שיסעריי אויף זיי קומט, און האבן אונדז צוריק אטאקירט, און איינער אן אונדזעריקער איז געפאלן — האב איך פון זיינע פארקראמפטע פויסטן אים זיין ביקס ארויסגענומען און עטלעכע פון „זיי" מיט מיינע אייגענע, קינדישע הענטלעך געטויטעט... די ביקס איז שוין געבליבן מיינע, און איך האב מיט איר אין פיל דייטשן פאר מיינע טאטע־מאמע נקמה גענומען... איך האב זיך שפעטער אין דער רויטער ארמיי פרייוויליק אנגעשלאסן, האב אין סטאלינגראד געקעמפט; און געשטרעבט האב איך מיט זיי צוזאמען אין בערלין אנצוקומען און דארטן ווייטער פאר מיינע דערמארדעטע עלטערן נקמה צו נעמען אבער — לאזט דער בחור ארויס די פייל פון איין האנט און זי בלייבט אים הענגען ווי א שווערד ביי זיין זייט — איך האב פון זיי געקראגן מיט א האנט־גראנאט אין זייט, און... האב שוין מער נישט געקענט!"...

דער יונגערמאַן נעמט אַרויס פון זיין קעשענע אַ שטיק אייזן, וואָס זעט אויס ווי, אַ קליינער האַנט־גראַנאַטל פון וועלכן עס פעלט דאָס הענטל:

„דאָס איז דריי יאָר מיט פיר חדשים ביי מיר אין אַ לונג געלעגן!“... און ער ציט אַרויס פון אַ קאָנווערט אַ צעלולאָיד־קלישע, שטעלט זי אַן אַקעגן דעם ליכט פון פענצטער, און איך שטיין: אַ מענטשלעכע לונג. אונטער אַ שטייג פון ריפּן, און אין דער לונג זיצט דאָס שטיק אייזן ווי אַ פויגל אין אַ נעסט!...

„צוויי מאָל האָט מען מיך — דערציילט דער בחור — אין דער ציריכער אוניווערזיטעט גענומען: אַ פּראָפעסאָר האָט וועגן מיין לונג פאַר הונדערטער סטודענטן לעקציעס געהאַלטן. און אַלע האָבן זיך געוואונדערט ווי אַזוי איך האָב אויסגעהאַלטן, ווי אַזוי איך בין געבליבן לעבן!“

„שרעקט עס דיך נישט? — פרעג איך מיט זאָרג דעם בחור — אַז דער שטויב פון מעטאַל, און דאָס כסדרדיקע ציען מיט דער פייל איבער דעם אייזן איז מסוגל דיין פאַרוואונדעטער לונג שאַדן צו ברענגען?“

אַ לייכטער שמייכל האָט באַלויכטן דעם יונגענמאַנס מויל־ווינקלען:

„איך אין „אָרט“ האָט מען מיך דאָס זעלבע געפרעגט“...

„אָרט“ האָט אים אַפילו צו אַ דאָקטאָר געשיקט — מישט זיך אַריין דער וואַרשטאַט־לייטער. מיטן ברוינעם כאַלאַט און מיט די טונקעלע שאָפער־ברילן אַרויפגערוקט אויפן שטערן — האָט דער דאָקטאָר דערקלערט, אַז וועגן אים איז שווער צו זאָגן... אַז סיי ווי איז עס עפּעס מיט אים אַן אויסטערלישער פאַל: אַז סיי ווי איז דעם ווידערשטאַנדס־כוח פון זיינע לונגען נישט תופס צו זיין“...

„ „אָרט“ האָט מיך געוואָלט לערנען: שניידעריי, סטאָלעריי — רעכנט מיר דער יונגעדמאַן אויס פאַרשיידענע מלאכות — אָבער איך האָב זיך איינגעשפאַרט — דוקא מעכאַניק!... זיי האָבן מיר צוגערעדט נישט געוואָלט צוליב טאָן: „נישט פאַר איך!“ — האָט מיך דער דירעקטאָר פון „אָרט“ אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק און אָפּגעפּסקנט. אָבער איך בין נישט אָפּגעשטאַנען: איך האָב דוקא געוואָלט מעכאַניק, מעטאַל, אייזן! — איז שוין דעם בחורס בליק ווידער פאַרחלומט געוואָרן — איך שרעק זיך נישט פאַר מעטאַל! איך האָב ליב געקראָגן מעטאַל!... מיט מעטאַל האָב איך נקמה גענומען אין די מערדער פון מיינע טאַטע־מאַמע! אין די מערדער פון מיין פאָלק!... אַ שטיק מעטאַל האָט דריי יאָר מיט פיר חדשים אין מיינע לונגען גענעסטעט און האָט מיך נישט געטויטעט!... איך בין אַפילו נישט סובאַטנע געוואָרן! — רופט ער אויס מיט אַ טאָן פון ניצחון — וויל איך מיט מעטאַל אויך מיין צוקונפט, מיין גורל פאַרבינדן!... איך וויל קענען פון מעטאַל חיונה פאַרדינען, און מיט מיין מלאכה העלפן אויפבויען אַ היים פאַר מיר און פאַר מיין פאָלק!... מיין גורל איז מעטאַל — האָבן זיך דעם בחורס מויל־ווינקלען געשמייכלט — אַ מעטאַלענער גורל!“...

און דער יונגערמאַן האָט אָנגעצילעוועט זיין פייל אויפן איינגעקלעמטן שטיק אייזן, האָט זי ריטמיש געצויגן הין און צוריק, הין און צוריק, הין און צוריק; און מעטאַלענער שטויב, ווי געשניצטער זילבער, איז אים הכנעהדיק געפאַלן צו זיינע פיס — — — — — — — — — — —





# זע מענטש ווי באַפליגלט דו ביסט

(לידיד נפשי בעל־יובל א. נ. שטענצל נ"י)

די ראַמען פון דיין מויל זיינען באַפליגלטע ליפּן
ביסט אַ נעביידע געבויט אויף באַפליגלטע ריפּן,
די נאַניקלעך פון דיינע אויגן — באַפליגלטע ברעמען,
ווי אויסציציפּן איז זיך נאַט שיין צו באַנעמען. . . .

באַפליגלט איז דיין שמייכל, ליכט און שאָטן, יעדע שפּור,
ווי דיינע אויערן־טויערן, ווי דיין יעדער קאָפּ־און־קערפּער־האָר,
באַפליגלט פייערדיק — דיינע פיס און הענט,
ווען מיט ליבע אָדער האַס, דיין בלוט ברענט.

דיינע פאַרבאַרגענע זאָרגן און נעראַנקען פאַרזינגלטע!
אַן אויסגראַווירטע פלאַטע, אַ באַפליגלטע,
אַן אויפגעהאַנגענע אויפן נעזימס פון דיין שטערן
איבער די באַפליגלטע שויבן פון דיינע באַפליגלטע טרערן.

היינט דיין באַפליגלט האַרץ מיט די באַפליגלטע טרוימען,
אַפילו די לאַנגזאַמסטע, וואָס זיך פאַרזוימען,
פליען האָך פון אַן אָדלער שנעלער,
שנעלער און העלער, פון לבנה־טעלער.

און ווען די עפּעס ס'פענסטער צום מאָרגן פלאַנעט,
איז דיין חלום דאָ, שוין לאַנג ניטאָ,
ער פליט שוין ווייט, העט, העט, העט,
איבער די העכסטע הימלען פון לייטער בלאָ.

ער לאָזט דיך איבער מיט גברת־ווירקלעכקייט,
זי שווערט, זי וועט דיר, נאָר טריי נאָכקוקן,
אָבער דער חלום, דער חלום, זאָל ער זיין ווי ווייט,
לאָזט פון דיר ניט אַראָפּ די באַפליגלטע בליקן.

ער דרייט זיך ניט אוים, מיט דיר צום רוקן,
ווייל ער ווייס ס'נעפּאַר און ווירקלעכקייטס רשות.
זי קען דיך חלילה דערשטיקן, פאַרצוקן
אין דיך אַראָפּשלינגען אַן אַ בים.

טאָ איידער די ווירקלעכקייט נעמט זיך אַ דריי, אַ ריר,
איז דער חלום שוין ווייטער געגאַנגען אין דיר.
ער פליט שוין מיט דיר צו די בלאָע דעכער אַרויף.
צום אין־בראשית און צום אין־סוף.

און ווען דיין באַפליגלטער ליפּעשיק אָטעמט דעם ה'ה אַריין,
זיינען דאָך דיינע פליגלען דער ה'יה ויהיה אַליין.
דאַריבער ניט נעקוקט אויף דיין שווער לעבן אַצינד
ביסטו פאַרט דעם בורא'ס באַפליגלסטע קינד.

## ל. ש. קרעדיטאָר

# מיין ערשטער רעדאַקטאָר

(צום 70 יאָריקן יובילעאום פון קלמן מרמר)

זער אַ באַחנ'ט פנים האָט ער געהאַט מיט אַ פיר צענדליק יאָר צוריק, און אַזוי שען ווי זיין פנים איז געווען זיין ריידן, ס'האָט דערפאַר לאַנג נישט געדויערט און ער איז געוואָרן שטאַרק באַליבט און פאָפּולער.

און געבראַכט האָט ער מיט זיך אַ ניי וואָרט אין דער ידישער גאַס און אַ נייע שטרעמונג אין דער דעמאָלסדיקער ציוניסטישער באַוועגונג פון דער איסט־ענד. דאָס ניי וואָרט איז געווען „מערבים“, און די נייע שטרעמונג איז געווען אַ לינקע ווענדונג אין רעכטן ציוניזם.

יונגע ציוניסטן, אמת'ע אידעאַליסטן האָבן זיך גרופּירט אַרום אים. זיי זיינען געוואָרן קלמן מרמר'ס פאַרערער און נאָכפאָלגער.

יונג און פריש, מיט אַ האַרציקן ידיש לשון האָט ער צוגעצויגן שטענדיק אַ היבשן עולם צו זיינע לעקטשורס. ער האָט מער גערעדט ווי געשריבן, קיין בעסערע פּלאַטפאָרמע ווי די צוויי ידישע טעגליכע צייטונגען איז נישט געווען, און ביידע, (עלהם השלום) האָבן זיך נישט גענויטיקט אין אַ גוט ליטעראַריש וואָרט. צו וואָס באַשטעלן ביי קלמן מרמר אַן אַרטיקל, אַז מען קאָן אויסשניידן די בעסטע אַרטיקלען פון פּוילישע און אַמעריקאַנער צייטונגען. זיינע ליטעראַרישע אַרבייטן זענען דאַמאָלט געווען וואָס ער האָט איבערזעצט אָסקאַר ווילד'ס „דע־פּראָפאונדוס“ און דוכט זיך, אַז ער פלעגט שרייבן פאַר אַן אַמעריקאַנער צייטונג.

אַזוי האָט זיך קלמן מרמר, ווי אַנדערע ידישע שרייבער און דיכטער, וואָס האָבן לאָנדאָן געמאַכט פאַר אַ „דירת ארעי“, אַביסל צייט אַרומגעוואַלגערט, ביז ער איז פלוצלינג צוגענומען געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר פון דער טעגליכער ידישער צייטונג „דער עקספּרעס“.



באַלד פון אָנהייב האָט דאָס אַרויסגערופן ביי די אינטעליגענטערע אַ סורפּריז. „דער עקספּרעס“ איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישע צייטונג מיט שונד ראָמאַנען, וואָס אַן ערך קאָן קלמן מרמר בייטראָגן אין דער צייטונג? פאַרוואָס האָט ער איינגעווילליגט אָנצונעמען דעם אַמט פון רעדאַקטאָר פאַר אַזאַ מין צייטונג? דאָס ווייס איך נאָך עד היום נישט. ס'קאָן אָבער זיין, אַז ער האָט געהאַט בדעה די צייטונג אויסצובעסערן, אָדער פיליכט האָט ער געמוזט אָננעמען דעם אַמט צוליב עקאָנאָמישע סבות...

יעדנפאַלס מע ג עס היינט געזאָגט ווערן לשבחו, דאָס אַזוי ווי מען האָט זיך דערוואוסט, אַז מרמר איז דער רעדאַקטאָר פון „עקספּרעס“ האָבן פילע גענומען לעזן די צייטונג, און די קורצע צייט וואָס מרמר האָט רעדאַגירט דעם „עקספּרעס“ זיינען צוגעקומען אַביסל מער בעסערע לעזער.

באַקאַנט האָב איך זיך מיט קלמן מרמר אין דער „הערצל־נאָרדוי“ לייענצימער, וואו ער פלעגט אָפט לעקטשורן, און איך פלעג קומען אים הערן און געוואָרן איינער פון זיינע פאַרערער.

דער „הערצל-נאָרדוי“ לעזע צימער האָט אין יענער צייט געשפּילט אַ חשובע ראָלע אין איסט-לאָנדאָן ציוניזם. דאָרט פלעגן קומען די בעסערע עלעמענטן, ווער עס פלעגט קומען לייענען, ווער סתם שמועסן. ס'איז געווען היימיש און פריילעך. נאָר יענעם מאָל ווען איך בין אַריינגעקומען איז נאָר מרמר אַליין געווען. ער איז געזעסן פאַרטיפט אין אַ בוך, און ס'וואָלט נישט געווען דרך־ארץ'דיק צוצוגיין אים שטערן, אַגב איז נאָך אין יענע יאָרן געווען אַ גאַנץ אַנדער באַציאונג צו אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג.

האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אַן אַ זייט און אויך גענומען־לייענען. איז מיר אָבער פלוצלינג איינגעפאַלן אַזאַ מין געדאַנק: — אַזוי ווי איך האָב דאָ דעם רעדאַקטאָר פנים על פנים, און אַזוי ווי קיינער איז איצט נישטאָ, און אַזוי ווי איך טראָג זיך אַרום שוין צוויי טעג מיט עפּעס אַ געדאַנק, איז פאַרוואָס זאָל איך שוין ניט אָנשרייבן און טאַקע שוין ווייזן דעם רעדאַקטאָר און טאַקע באַלד וויסן זיינע מבינות.

לאַנג נישט געטראַכט האָב איך גענומען שרייבן, שרייבן גיך, גיך ווי איך וואָלט געוואָלט ענדיקן פריער איידער מרמר וועט ענדיקן לייענען. און געענדיקט האָבן מיר ביידע גלייך. ער לייענען און איך שרייבן און גיי טאַקע באַלד צו אים און אַפּאָלאָגעטיש זאָג איך:

— מר. מרמר, דאָ האָב איך עפּעס אָנגעשריבן, גיט נאָר. זייט מוחל, אַ לייען אַדורך, האָט דאָס עפּעס אַ ווערט?

מרמר האָט באַלד גענומען דעם כתב־יד דורכגעלייענט און זיך אָפּגערופן:

— איך וועל דאָס אָפּדרוקן אין „עקספּרעס“, און אַריינגעלייגט די עטליכע בלעטלעך ביי זיך אין קעשענע.

און איך האָב נישט לאַנג באַדאַרפט וואַרטן צו זען זיך אין דרוק. און פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט ווען איך האָב דאָס גע־

לייענט אין דער צייטונג פונקט אזוי ווי איך האב דאס געשריבן. קיין ענדערונג האט דער רעדאקטאר נישט געמאכט.

און עד היום ווייס איך נישט צי האט מרמר מיר געטאן א געפעליקייט מיט'ן אפדרוקן מיין פעליעטאן, אדער ער האט געדענקט, דאס א שוואכע אריגינאלע זאך איז אלץ בעסער ווי א שטארקערע אויסגעשניטענע.

זינט דאמאל זיינען עטליכע צענדליק יארן פארלאפן. פיל האבן מיר אלע איבערגעלעבט. שווארצע קעפ האר זיינען שניי־ווייס געווארן. שיינע יונגע פנים'ער זיינען אלט און פארקנייטשט געווארן. ווער ווייס צי געדענקט נאך מרמר דעם אינצידענט. איך אבער קען דאס נישט פארגעסן. מיך האט קלמן מרמר צוגעשמידט צו דער פען... ווען ער דרוקט נישט אפ מיין ערשטן פעליעטאן, וואלט איך אפשר זיך גענומען צו מסחר, און וואלט היינט שוין געווען א גרויסער סוחר. און אן אמת'ער מעצענאט... ווייל איך האב באמת ליב די חברה שרייבער. טאקע אן ארימע חברה אבער א פריילעכע. הייסט דאס, אז קלמן מרמר האט מיר אפשר קיין טובה נישט געטאן, נאר דאך דאנק איך אים און אלס איינער פון זיינע פארערער שיק איך אים צו זיין יובילעאום א הערצלעכע ברכה, אז ער זאל נאך פיל יארן לעבן, געזונט זיין און שאפן, שאפן און שאפן, ווארעם ס'זיינען דאך פאראן מאמענטן ביים שאפער, ווען ער וואלט נישט פארקויפט דעם פארגעניגן פון זיין שאפונג פאר פונטן און פאר דאלארן.

ניין, חבר מרמר, מיר פארדריסט נישט פארוואס איך בין ניט געבליבן קיין רייכער סוחר, מיר פארדריסט פארוואס איך בין פארבליבן אן ארימער שרייבער... דאס זייט איר זיכער ניט שולדיק.

צום סוף וויל איך מודיע זיין, אז ס'איז פארלאפן א היבשע צייט ביז איך האב געהאט די זכיה צו ווערן דער רעדאקטאר פון „עקספרעס" פאר א קורצע צייט. דאס מיינט, אז אפילו דערפאר מעג איך אים אויך מיין ברכה שיקן.


„אין זכות פון די טעג" 3/6

„אין חדר אריין" 5/-

פון

משה עובד

צו באקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, Museum Street, London, W.C.1

עפענטליכע ביבליאטעקן באקומען דאס בוך פריי




לעא קעניג

## זשאן ריטשארד בלאך

דער ערשט פארשטארבענער באוואוסטער פראנצויזישער שריפטשטעלער זשאן ריטשארד בלאך איז דעם ענגליש לייענענדיקן עולם הויפטזעכלעך דאכט זיך, באקאנט צוליב זיין נאוועלע „ענד קא.". וועלכע איז דא דערשינען עטליכע יאר פאר דעם קריג און האט אים גלייך אויסגעשטעלט צווישן די פראמינענטע אייראפעאישע נאוועליסטן.

אין די נאוועלע האט עס כשר פארדינט.

איך געדענק וואס פאר א פארגעניגן און איבערראשונג אט די נאוועלע איז פאר מיר געווען: ענדלעך א יידישע נאוועלע אדער ריכטיקער א נאוועלע פונם יידישן לעבן ניט אין יידיש אדער העברעאיש, נור אין א אזוי גערופענער „פרעמדער שפראך" — זשאן ריטשארד בלאך איז א פראנצויזישער שרייבער — און אן דער אפאלאגעטיק, אן דעם נאציאנאלן „סאב סטאף". אן די באפוצונגען און פארשענערונגען מיט וועלכע עס צייכנען זיך אזוי נעגאטיוו־קינסטלעריש אויס דער גרויסער רוב פון יידישע נאוועלן אין ענגליש, פראנצויזיש־דייטש און אנדערע „פרעמדע" שפראכן. אט די ווילענדיקע און ניט־ווילענדיקע חסרונות פון דעם רוב נאוועלן וואס יידן שרייבן אין ניט יידישע שפראכן האבן אינגאנצן געפעלט אין בלאך נאוועלע.

זשאן ריטשארד בלאך'ס נאוועלע „ענד קא." איז א „געזונטע" נאוועלע: א שטודיע — און אלע אמת גוטע נאוועלן זיינען שטודיעס פון מענטשן און כאראקטערן אין זייער סאציאלער סביבה — פונם יידישן לעבן אין עלזאס פון אירע ערשטע „סעטלערס" ביז איר פארווארצלונג ווי א פארצווייגטע פאמיליע: און אין דער נאוועלע ווייזט אונדז דער מחבר א גאנצע רייע פארטרעטן פון מענער, פרויען, און דורות קינדער...

איך געדענק איך האב געלייענט די נאוועלע און זיך געוואונדערט: שרייבט אזוי אביעקטיוו און געזונט קינסטלעריש א פראנצויזישער ייד אין דער פראנצויזישער שפראך פונם יידישן לעבן?

וואס פאר א פיינער אויפריכטיקער קינסטלער האט דער זשאן ריטשארד בלאך געמוזט זיין, ווען ער האט געקענט ביישטיין דעם גרויסן נסיון פון זאגן א „גוט ווארט" פאר די יידן, און אביסעלע כאטש צופוצן און פארענטפערן די יידישע טיפן און כאראקטערן אין דער נאוועלע?

די נאוועלע איז דאך דערשינען אין די דרייסיקער יארן, ד.ה. ווען די נאצי־פאשיסטישע פעסט האט שוין אנגעהויבן פארשפרייטן די גיפטיקסטע מיקראבן איבער גאנץ אייראפע, און א פראנצויזישער שריפטשטעלער, א ייד פון געבורט, שרייבט א נאוועלע פונם יידישן לעבן אזוי אביעקטיוו־קינסטלעריש אן א סימן פון אפאלאגעטיק, אן קרעכצן און אן טרערן אויפן יידישן גורל, און אן דעם שמן זית פון א יידישער שליחות אדער מיסיע...

וואס פאר א עכטער, פיינער קינסטלער האט ער געמוזט זיין אין דער

פראַנצויזישער שפּראַך אָנגעשריבן אַ נאָוועלע — די בעסטע אפשר ייִדישע נאָוועלע וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר — אין דעם גייסט און אין די בעסטע טראַדיציעס פון אונדזערע יונגע, מאָדערנע, ניט אַפּאָלאָגעטישע פאָלקס ליטעראַטורן...

---

און איך בין אַצינד אוודאי ניט אויסן צו זיין אַן אַפּאָלאָגעטיקער פון אַפּאָלאָגעטיק, אַ מליץ יושר פאַר אונדזערע אַפּאָלאָגעטישע שרייבער אין ענגליש, פראַנצויזיש און אַנדערע נישט ייִדישע שפּראַכן: אונדזערע ווילענדיקע און ניט ווילענדיקע אַפּאָלאָגעטיקער האָבן שוין לאַנג געדאַרפט קענען דעם אמת פונם פראַנצויזישן גלייך וואָרט „ווער עס פאַרענטפערט זיך, באַשולדיקט זיך“... איך וויל ניט גיין אַזוי ווייט ווי מאַנכע סטראַטעגיקער וואָס ווילן גלייבן אַז „אַטאַקע איז די בעסטע דעפענסיווע“ אָבער זיכער איז אַז דער קינסטלעריש־רעאַליסטיש געזעענער אמת איז דאָס בעסטע און געזונטסטע אין יעדער ליטעראַטור. אַפּאָלאַגעטיק איז ניט נאָר קינסטלעריש פאַלש און איבערצייגט אַפילו קיינעם ניט. נאָר פאַרקערט רופט נאָך אָפט אַרויס דעם חשד אַז דער איינער וואָס האַלט זיך אין איין פאַרטיידיקן און צופּוצן האָט עפּעס צו באַהאַלטן.

אַפילו די אויפריכטיקע און גלענצענד געשריבענע אַפּאָלאָגעטיק איז ניט שעפעריש־קאָנסטרוקטיוו און אַפילו שעדליך „אין לאַנגן לויף“ אונטערגראָבנדיק די אייגענע ייִדישע און הומאַניטאַרע צילן. און דאָך מוז איך מודה זיין, אַז די נסיונות צו זיין אַפּאָלאָגעטיש זיינען צו שטאַרק און אין אַ געוויסן זין פאַרשטענדליך און „פאַרצייליך“ פאַר די ייִדן וואָס שרייבן פונם ייִדישן לעבן, אָדער אויף ייִדישע טעמעס אין ענגליש, פראַנצויזיש אָדער אַנדערע ניט־ייִדישע שפּראַכן... מען קען זאָגן אַז אַ געיאָגט און געפּלאָגט פאָלק איז פון אַ ריין קינסטלערישן, אָדער אָביעקטיוו־קינסטלערישן שטאַנדפּונקט גאָרניט קיין דאַנקבאַרע טעמע. עס איז גאָרניט אַזוי גרינג צו שטודירן פאָרמען אויף מאָדעל וואָס קאָרטשעט זיך אין שמערצן... וועגן אַ פאָלק וואָס ווערט אָפט אַזוי בייז־ווילליק געהעצט פון אַנטיסעמיטיזם צוליב פּאָליטישע אינטערעסן און צילן (קריטיק איז ניט אַנטיסעמיטיזם) איז אוודאי ניט גרינג צו שרייבן קינסטלעריש־אָביעקטיוו, און באַזונדער פאַר ייִדישע קינסטלער וואָס שרייבן פאַר ניט ייִדישע לעזער... ליידער איז די צאָל גוטע לעזער אין אַלע שפּראַכן אַסך קלענער ווי די צאָל שלעכטע לעזער, און דעמאַגאָגישע און פּאָליטישע „ליטעראַטור קריטיקער“ פעלן ניט אין אַלע ליטעראַטורן... איז כמעט ווי נאַטירליך דער ייִד וואָס שרייבט פונם ייִדישן לעבן פאַר די ייִדן זאָל וועלן עפּעס פאַרשווייגן אָדער אַביסל צופּוצן זיינע ייִדישע העלדן און טיפּן, אָדער ער זאָל וועלן שרייבן נאָר פון שיינע און אידעאַלע כאַראַקטערן, וועלכע זאָגן ווייניק ביי אַלע פעלקער. און אַסך אַפילו אמת פּאָעטיקע קינסטלער דערציילער ווערן קינסטלעריש געשטרויכלט, ווען אַפילו ניט ווילענדיק און אָפט ניט באַמערקט פון זיך אַליין, און שרייבן מעשה אַדוואָקאַטן, מעשה מליץ יושר... און די אויפגאַבע פונם קינסטלער איז ניט צו פאַרטיידיקן אָדער באַשולדיקן זיינע העלדן, ניט פאַר־



שענערן אָדער פאַרמיאוסן די מענטשן וואָס ער שילדערט, נאָר ווייזן זיי ווי ער זעט זיי אין זייער סביבה ווי לעבעדיקע מענטשן...

ס׳קאָן זיין אַז צוליב אָט דער ניט־ווילענדיקער, כאָטש אפשר פאַרצייליכער, אַפּאָלאָגעטיק זיינען קיין גרויסע נאָוועלן ניט געשאַפן געוואָרן פון ייִדישן לעבן אין די אייראָפּעאישע שפּראַכן, כאָטש אַזוי פיל באַגאַבטע ייִדן־שרייבער זיינען פאַראַן אין אַלע כמעט מאָדערנע ליטעראַטורן...

און אפשר אויך דערפאַר מיידן, דאַכט זיך, אויס איניקע אמת באַגאַבטע ייִדישע שרייבער צו שרייבן פונם ייִדישן לעבן, פון דעם לעבן וואָס זיי קענען אַמבעסטן, ווייל אַלס קינסטלער האָבן זיי מורא אַריינפאַלן אין אַפּאָלאָגעטיק, אָדער ווייזן נעגאַטיווע ייִדישע טיפּן, און אַזוי אַרום גיסן אויל אויפן פייער פון אַנטיסעמיטיזם... זיי זיינען צופיל קינסטלער צו שרייבן פון מאַרטירער און „גוטע טרוימער“, אָדער וואָס איז נאָך ערגער אַריינצופאַלן אין דעם פאַלש־קיצלדיקן „פּאַטאָס און פּערלמוטער“ הומאָר — שרייבן זיי אָדער פונם לעבן וואָס זיי קענען אַסך ווייניקער; אָדער די געוויסע אַנעמישע, „קאָסמאָפּאָליטישע“ ראָמאַנען און נאָוועלן פונם לעבן פון די פאַרשידענע קינסטלער, טעאַטער־דירעקטאָרן, דאָקטוירים און זייערע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען אין דער אמתן אַזוי ווייט פונם אמתן, לעבעדיקן לעבן.

---

אַז דער נסיון פון אַפּאָלאָגעטיק איז ווירקליך גרויס, און נאָר גאָר באַדייטענדע קינסטלער קענען אים איבערקומען, פילט און ווייסט יעדער ייִדישער שרייבער. ס׳איז מיר לעצטנס אויסגעקומען לייענענדיק זיך אָנשטויסן אויף דעם פאָלגענדיקן זייער כאַראַקטעריסטישן ביישפּיל אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור: דער בשעתו באַוואוסטער פּובליציסט ליליענבלום האָט קריטיקירט די לידער פונם באַרימטסטן העברעאישן דיכטער פון יענער צייט י. ל. גאָרדאָן (דער פאָרגענגער פון ביאַליק) באַשר זיינע לידער זיינען צו נעגאַטיוו, אַז ער זעט בלויז די שאָטנס אינם ייִדישן לעבן — האָט אים דער דיכטער געענטפערט: „ווען איך שרייב אין רוסיש (ליליענבלום האָט אַ סך געשריבן אין רוסיש) אָדער אין אַן אַנדער פרעמדער שפּראַך, וואָלט איך אויך אוודאי געווען אַ מליץ יושר פון מיין פאָלק, אָבער אין אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך און פאַר אייגענע לעזער איז עס ניט נייטיק“...

אָט די נאַיווע דערקלערונג פון אַ נאַציאָנאַלן דיכטער איז אפשר גאָרניט אַזוי נאַיוו: וואָלטן אַ סך פון די ענגלישע גרויסע נאָוועליסטן געשריבן פונם ענגלישן לעבן אַזוי „אמת“ און קריטיש ווי זיי האָבן געשריבן, ווען זיי האָבן אין זינען אַז זיי שרייבן פאַר פראַנצויזישע אָדער דייטשע לעזער און ניט נאָר אָדער הויפּטזאַכלעך פאַר אייגענע ענגלישע לעזער?

וואָלט אַזאַ „נאַציאָנאַליסט“ און „פּאַן סלאַוויסט“ ווי דאָסטאָיעווסקי למשל, אונדז און דער וועלט געגעבן די קאַראַמאַזאָווס און אַ סמערדיאַקאָוו, ווען ער שרייבט הויפּטזאַכליך פאַר די אייראָפּעאישע שפּראַכן?...

דערפאַר גלויב איך דאַרף מען גאָרניט זיין אַ נאַציאָנאַליסט איינצוזען די גרויסע שאַפערישקייט פון פאָלקס שפּראַכן און וועלכע ס'איז פיל גרינגער צו זיין אמתדיקער און ממילא קינסטלערישער. — זיינען ניט דערפאַר די גרעסטע נאַציאָנאַלע פּאָעטן אויך די אוניווערסאַלסטע?

אָבער געזונטע און ראַציאָנאַלע סאָציאַלע אנשויאונגען, קענען אויך, ווייזט אויס, העלפן איבערקומען דעם נסיון פון אַפּאָלאָגעטיק און אַנדערע קאָמפּלעקסן (אויב ניט אַזוי גרינג און נאַטירליך ווי אַן אייגענע פאָלקס שפּראַך).

און ס'איז אפשר סימפּטאָמאַטיש און כאַראַקטעריסטיש וואָס דוקא אַזאַ „ניט בורזשואַזער" שרייבער און קינסטלער ווי זשאַן ריטשאַרד בלאָך האָט אונדז געגעבן אַזאַ פיינע, קינסטלעריש־אָביעקטיווע נאָוועלע ווי „עבד קאַ".

## יעקב שמואל טויבש

## ג ל ו י ב י ק ע ס א נ ע ט ן

### א) לעצטע האָפענונג

אַ הפקר־מענטש, אַן אָפּגעלאָזטע בריאה,
אָן ווייב און קינד, אַפילו אָן אַ פריינט; —
פאַרוואָרלעסט, ווי אַ בעטלער, קרוע בלוע,
דאָס איז דער מצב פון מיין לעבן היינט.

אין מיין פאַרמאַטערטער נשמה שיינט
קיין פונק פון האָפענונג אויף אַ ישועה;
עס ווייזט אויס, ס'האָט גאָט אליין מיך פיינט
און ס'איז פאַר מיר ניטאָ מער קיין עליה. . .

דער שכינה'ס גלאַנץ אויף אייביק אָנגעוואוירן,
ס'האָט זיך דער דין פון גאָט אומזיסט געמיט,
זיין חסד האָט פאַר מיר אומזיסט געבליט. . .

און פאָרט, מיין גאָט, אין מיינע אָדערן גליט
נאָך אַלץ דיין פלאַם; און מיין פאַר־יתום'ט ליד,
עס וואַרט נאָך אַלץ פאַר דיין גן־עדן'ס טויערן. . .

### ב) נסיון

נאַר, וואָס איך בין געווען, מיך צוצוקלעבן
צו'ן אַ דמיונות־וועלט, אַ צוקונפט־בריק
און אונדזער אמת'ע וועלט אַוועקצוגעבן,
וואָס האָט געפינקלט פאַר מיין סאַמע בליק. . .



נאַר, וואָס איך בין געווען, עקשנות'דיק
אין ווייטע ווייזיעס אַרומצושוועבן,
בעת, לעבן מיר, האָט עס געגלאַנצט מיט גליק,
האָט שימערירט די שיינקייט פונעם לעבן. . .

אַ, וויפל אוצרות האָב איך נישט פאַרלוירן,
גאָלד וויפל, וואָס די זון האָט אויסגעגליט?
און די ניגונים פון מיין לעבנסליד,

וואו וואַגלען זיי, פאַר־יתום'ט און פאַרבליט?
און וועמענס האַרץ האָט זיך פאַר מיר געמיט?
און וויפל ליבשאַפט האָב איך אָנגעוואוירן?

### ג) א זכות

אַ גאָט, דו ווייסט מיין האַרצנס שטאָלצן ווילן
און פון מיין גאווה'ס האָפערדיקן בליק;
אַז שאַנד און שטראָף און יאוש וויל נישט שטילן
דעם ברענענדיקן דאָרשט נאָך גלאַנץ און גליק!

דו אָבער ווייסט אויך פון אַן אַנדערן קריג,
פון מיין נשמה'ס בענקעניש, דעם שטילן,
וואָס איר איז אַלץ אַ סטעזשקע נאָר, אַ בריק,
די געטלעכע באַפעלן צו דערפילן. . .

אַז די פאַנטאַזיעס, די חלום־וועגן,
די פאַרביקע דמיונות פון מיין נאַכט,
די אַלע ווזיעס פון גלאַנץ און פּראַכט —

כ'האָב נישט פאַר מיר אליין דערפון געטראַכט. . .
און נאָר דערפאַר גלוסט איך נאָך מענטשן־מאַכט,
כדי מיך טיפער, גאָט, פאַר דיר צו בייגן!

### ד) נדר

איצט, גאָט, און גייענדיק דעם גליק אַנטקעגן,
וואָס ליגט פאַר מיינע אויגן אויסגעשפּרייט;
איצטער, וואָס כבוד וואַרט אויף מיינע וועגן,
מיך צו באַקליידן מיט דעם גילדענעם קלייד;

בעת זאַנפטע חניפה איז שוין אַנגעבריט,
די ווייכע אָרעמס אַרום מיר צו לייגן
און זיסע פרויען־אויגן זענען גרייט,
זיך מיט אַ טיפן בליק צו מיר צו בייגן —

איצט, גאָט, איז צייט מיין נדר צו באַנייען,
וואָס ס׳בינט מיך צו צון אים אַ הייליקער צוואַנג:
אַז יעדער ריר פון מיר, יעדער געדאַנק,

מיין אָטעם און מיין וואָרט און מיין געזאַנג,
זיי טאָרן זיין נאָר שריט אויף יענעם גאַנג,
וואָס פירט צו דיר, דעם איינציקן, געטרייען!...

## י. ביעטש

# די מהומה

### דערציילונג

געווידמעט דעם חבר און פריינט א. נ. שטעצל צו זיין יובל

צווי הויפט וועגן פירן צום שטעטל ר׳ אין פוילן, דער זאַמדיקער וועג דורך פאַרשלאָפענע דערפער און פאַרבלאַנדזשעטע פעלדער, באַרג אַראָפ צו די יידישע שטאָט, וו ס׳שטייען אַ ריי קליינע הייזלעך שטאַרק צוזאַמענגעקוועטשט, אַזוי אַז די דעכלעך לייגן זיך איינס אויף ס׳אַנדערע און מאַכן פון דערווייטנס דעם אָנבליק ווי אָנגעוואָרפענע קופעס ערד. די הייזלעך זיינען מיינסטנס באַוווינט פון אָרימע יידישע קרעמער, בעלי־מלאכות און בעלי־עגלות. פון דער אַנדערע זייט דער שאָסיי וועג פאַרביי דעם שיטערן נאַדעל וועלדעל, וואָס פירט צום מאַרק, וו ס׳שטייען די פורמאַנעס ביי זייערע פערט. אַ ביסל אין אַ זייט אָפגערוקט פון די פורן זיצן ווייבער ביי די געשטעלן אויף נידעריקע ביינקלעך, שטריקן זאָקן, באַריידן יעדן איינעם און זיפצן אויף זייערע פאַרלאָפענע יאָרן.

שטיל האָט זיך געצויגן דאָס לעבן אינם קליינעם שטעטל ר׳, וועלכעס שטייט אָפגערוקט פון די אָרומיקע שטעטלעך און איז ווייט פון אַ באַן, האָט פון דורות לאַנג געלעבט אין אירע אייגענע באַגרענצטע ד׳ אמות און נישט געוווּסט וואָס ס׳טוט זיך אויף די גרויסע ברייטע וועלט, חוץ וואָס די קרעמער, וועלכע פלעגן פאָרן אין די גרויסע שטעט און מיטברענגען די לעצטע נייעס וואָס זיינען אין בית־המדרש בין מנחה־ומעריב איבערגעחזר׳ט און איבערדערציילט געוואָרן.

קיינער אין שטעטל געדענקט נישט, דאָס ס׳זאָל האָבן ווען עפעס פאַסירט, אָדער וואָס צוגעקומען, איין טאָג איז געווען ענלעך צום אַנדערן, איין נאַכט צו



דער צווייטער; צייטנווייז פלעגט פון הימל אַראָפפאַלן אַ לויפענדיקער פאַרטראַכטער שטערן, וואָס דער עולם האָט דאָס אויסגעטייטשט אויף פאַרשידענע אופנים. דער אַלטער דור פלעגט שטאַרבן און דער יונגער דור צווישן זיך חתונה האָבן, געלעבט משפחה׳ווייז, געהאַט כלערליי סכסוכים, זיך אויסגעגלייכט און ווייטער געשפינט דעם לעבנס שטייגער פון יאָרן לאַנג... ווען נישט די מעשה מיט׳ן קעטשעל אָן פערט, וואָס ס׳איז איינמאָל אין אַ זומער־טאָג אינם יאָר טויזנט ניינהונדערט פיר געקומען אין שטעטל, דער סאַמעכוד, ווי מען האָט דאָס גערופן, וועלכעס האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה, צוליב דעם פאַלקוועלנער, וואָס זיינען באַלד דערנאָך געקומען, וואָלט דאָס לעבן, ווי תמיד געפלאָסן אָן שום ענדערונג.

משה לייב שמייסער, אַ ייד אין די זעכציקער, מיט אַ גרוי שיטער צעווילדעוועט בערדל, האָט געהאַט אַ טבע, בעת שטייענדיק מיט די בעלי־עגלות אין מאַרק תמיד דערציילן די זעלבע גרוויליכע מעשות, וועגן די גבורות פון זיין זיידן אביש, מיט הונגעריקע וועלף, וועלכע זיינען אין די פראָסטיקע ווינטער נעכט פאַרלאָפן די וועגן, בשעת דורכפאָרן דעם וואַלד. ווען ר׳איז נאָך געווען גרויס און געדיכט. מעשות פון לצים וואָס פאַרפירן אין זומפן, כאַפן זיך אַרויף אויף די שווער איבערגעלאָדענע פורן און מאַכן נאָך שווערער דעם טראָט פון די פערט. מען דערציילט די לעגענדעס און מען ווייסט אַליין נישט פון וואַנען מען קען זיי.

אין די לעצטע צייט האָט משה לייב מיט ביטערקייט אין האַרץ, יעדן טאָג איבערדערציילט די מעשה מיט׳ן סאַמעכוד, פון וועלכע זיין ווייב ציפע איז אומגעקומען אין דער מהומה, וואָס דאָס קעטשעל אָן פערט האָט אַרויסגערופן. זיין צעווילדעוועט גרוי בערדל איז בעת זיין איפּרעגונג און צעשפּילטע פאַנטאַזיע וועגן דעם געשעניש, נאָך גרויער געוואָרן. ער האָט דערפילט ווי עס וואַקסט אין זיין נשמה אַזאַ ביטערניש און אין דערזעלבערצייט אַ פחד. אַליין נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, ס׳האָט אים אָרומגענומען אַ רחמנות אויף זיך אַליין. אַזש טרערן זיינען געקומען אין זיינע אויגן. עפעס זיינען זיינע געדאַנקען נישט געווען קלאָר. וועגן זיין עלטסטן זון בעריל, וועלכער איז באַלד נאָך דער מהומה אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט אין ווייטן רוסלאַנד. דער צווייטער זון חיים איז גלאַט פאַרפאַלן געוואָרן. איצט איז ער איינזאַם און עלענד... ס׳האָט זיך אים געדוכט דאָס זיינע זעכציקער יאָרן חוזקן פון אים. ער האָט מיט זיין שטאַרקע האַריקע האַנט אַ פאַכע געטון אין דער לופט, ווי איינער זאָגט פאַרפאַלן, געבוירן געוואָרן אין אַ פינסטער מזל.

צווישן די מאַרק ווייבער איז אויך גאַנץ שטיל נישט געווען, אויסער דאָס אָפּלאַכן און באַריידן יעדן איינעם, פלעגט זיך תמיד קאָכן, וועגן די פאַרלעך וועלכע זיינען פון צייט צו צייט געקומען פון דער געגענט אַרום. גט׳ן זיך, מחמת דעם וואָס דער טייך האָט אַ נאָמען. באַשע די אַלמנה, נאָך אַ יונגע ווייבל, מיט לויפענדיקע קליינע אויגן, אונטער אַ קורצן שטערן און אַ בלאַס דערשראָקן פנים, האָט פון די אָנגעקומענע פורלעך אינם מאַרק גלייך דערקענט

די פארשוינען, נאך זייער גאנג, וועגן וואס ס'האנדלט זיך: פלעגט זי ארויסשיסן מיט א הילכיקן געלעכטער, שטורכנדיק איר שכנ'טע נענענדעל אין דער זייט. א ברייטע יידענע מיט א קליין קעפעל, וועלכעס איז געזעסן ווי איינגעקוועטשט אין אירע פליישיקע אקסלען מחמת פעטקייט. באשע פלעגט בעת אזעלכע פאלן, מיט איר קוויטשעדיק האלב־הייזעריקן קול כמעט ווי אויסשרייען: זע, נאר זע, דעם עבר־בטל'ניק: ר'איז דאך גאר קיין זכר נישט. דאס האט נאך טענות, באשר, בכן... זיין יונג ווייבל, ווייס איך וואס! מענטשן ריידן, דאס עפעס א ליטוואק, א וועלנער, נו, מיין דאגע.

יענטע, א הויכע יידענע מיט א פארפלאמט רויט פנים, האט ארויסגעלאזט דעם זאק מיט די שטריק־נאדלען פון איר האנט און מיט א געמאכטן שמייכל זיך אנגערופן: יידישע חתונות, משטיינס געזאגט... ס'איז דען א וואונדער וואס דער אלטער רב קלאגט אויף אונזער יידישן מזל... ווייס איך, א יונג ווייבל האט פליי אין דער נאז און ווינט אינם קאפ. מיין באבע א ליכטיקן גן־עדן זאל זי האבן, פלעגט זאגן, אז מען קלינגט איז חנא...

באשע האט פארזשמורעט אירע לויפענדיקע אויגן אונטער'ן קורצן שטערן און זיך ארומגעקוקט, אזוי ווי זוכנדיק ווער עמען; ס'איז איר פלוצלינג דורך א געדאנק, ווען ס'מאכט זיך איר א שדוך מיט א לייטישן מאן. זי האט זיך פארטרכאכט: שוין ס'דריטע יאר ווי איר מאן איז געשטארבן. זי איז נאך יונג און פול מיט לעבן... א ווארימקייט האט זיך צעגאסן איבער איר לייב. איר קערפער האט אויפגעציטערט פון דער נייער מחשבה. אפשר... מיטן נייעם אלמן... און נאך א קליין ווילע שווייגן צו זיך זאגן: פאר וואס טאקע נישט? אמת, משה־לייב איז מיט א סך יארן עלטער פון איר, אבער נאך א געזונטער, א׳י וואס דע ר עולם זאגט דאס זינט די מהומה, איז ער נישט מיט אלעמען... עפעס האבן אירע געדאנקען גענומען פלאנטערן זיך. איר בלאס דערשראקן פנים האט זיך עטוואס גערויטלט, ס'איז געווען קענטיק דאס עפעס קומט פאר אין איר מחשבה, ס'האט געמאכט דעם איינדרוק, ווי איינער זאגט, עט, נארישקייטן... די נישט דערזאגטע ווערטער זיינען געבליבן הענגען אויף איר אביסל זיקליכע אונטערשטע ליפ. דערביי שעלמיש א שמייכל געטון, וואס האט זיך ברייט געלייגט אויף איר בלאס דערשראקן פנים.

פארשמייעטע יידן, וועלכע האבן בירושה איבערגענומען די פרנסות פון זייערע פאטערס, האבן פונקט אזוי ווי זייערע זיידעס די גאנצע וואך זיך ארומגעדרייט אין מארק וועגן עפעס א געשעפטל, געשטאנען אין רעדלעך מיט די הענט אין די ברייטע ארבלען און שמועסן וועגן זאכן, וואס זיינען לעצטנס איבערגעגאנגען פון מויל צו מויל מיט א געהיימניספולן טאן... אבער אמיינסטנס גערעדט וועגן די ירידים, וואס יעדער ייד ווארט דארויף; וועגן מקח פון די טליתים, וואס ווערן אינם שטעטל געמאכט, וועלכע האבן א שם אין דער סביבה און מיט בטחון אין הארצן אויסקוקן אויף א פארדינסטל פאר בני־בית.

ר' יענקעל, אן אפגעקומענער בעלי־בית, וועלכער האט באהאלטענער־



הייט געהאט א שטיקל שענק, האט זיך געדרייט צווישן די רעדלעך יידן און מיט א פרום פנים געזאגט, גלויבט מיר, ווען עס זאל זיין אחדות צווישן יידן, וואלט משיח געמוזט קומען. בשעת מעשה אין זינגען געהאט דאס לעצטע פעקעל, וואס ער האט אויף זיך געהאט, צוליב א מסירה פון עפעס א שיינעם יידן, דערביי שטארק געקרעכצט: אוי, א שווערע פרנסה... דאס גאנצע רעדעל מיט באבערדעלטע קעפ האבן צוגעשאקעלט: יא, שווערע פרנסות.

פארטיפט יעדער אין זיינע רעיונות, האבן זיי מיט א באזונדערע בייינקשאפט אין הארצן געציילט די טעג, צו הערן דעם רוף פון הערשל שמש. א ייד קיילעכדיק ווי א פעסעל, מיט קורצע פיס, וועלכער פלעגט יעדן פרייטאג נאך האלבן טאג, לויפן איבער די קרומע געסלעך און שרייען יידן שבת, יידן מאכט שבת. דער רוף האט אלעמען באפרייט פון עפעס א שווערן קאשמאר, וואס הענגט איבער יעדן ייד די גאנצע וואך. צופרידענע פון דער מנוחה, וואס דער הייליקער שבת ברענגט אריין אין די קליינע ארימע יידישע הייזלעך, פלעגן זיי מיט א באזונדערע הנאה זיך פארקוקן אין די שטילע שבת ליכט, ווי די פלעמלעך רייסן זיך דורך די קליינע שויבלעך אין געסל אריין; באהעפטן זיך מיט די שטערן, וועלכע האבן אינם שבת אוונט הערליכער געבלענדט און געבלישטשעט.

דער טייך וואס נעמט ארום דאס שטעטל אין די פארם פון א ד׳, האט אין די טעג אנגענומען א באזונדערע קאליר, א קאליר פון בלוי און העל גרין, פאמעלעך זיך פליסן צווישן די באגראזטע ברעגעס און מיטטראגן סאמעטענע און זיידענע קליידער, גארטלען און פוטערנע שטריימלעך פון הדרת־פנים'דיקע יידן, וועלכע האבן מיט געמאסטענע טריט געשפרייזט איבער דער האלצענער בריק און זיך אפגעשפיגלט אינם וואסער. די אריבערגעבויגענע ווערבעס, האבן זיך צוגעוויגט אין א שטילע סודות'פולע תפילה, האט עס געמאכט דעם איינדרוק, ווי איינער זאגט: דרך־ארץ, ס'שטעטל האלט שבת.

צוויי סארטן בעלי־עגלות האט דאס שטעטל געהאט און פון יעדן סארט צוויי קאנקורענטן. דער אלטער אברהם קישקע מיט זיינע בנים האט פארמאגט א גרויס שטאל מיט פערט און געפירט פאסאזשירן צו דער באן פונם שטעטל ס׳. דער צווייטער הערש־בער דער פערט־הענדלער, וואס דער עולם האבן אים גערופן בעריל קאפיצע, מחמת דעם וואס זיין בערדעל איז געווען אונטערגעשוירן און פארשפיצט. ווען משה־לייב איז נאך גאר יונג אנגעקומען אלס שמייסער. אבער צוליב די שטענדיקע קאנקורענץ פלעגן זיי צווישן זיך תמיד קריגן און דאס אמת'ע געשלעג אבלייגן אויף שמחת־תורה.

עס לעבט אויף ביי משה־לייב אין זכרון די סביבה, אין וועלכע ער האט פארבריינגט זיינע קינדער יארן. דער נאראנגעל פארן טאג טעגליכן לעבן פון זיין פאטער אהרן־דוד פורמאן, וועלכער האט קיום געהאט אויף חיונה און תמיד זיך באקלאגט אויף זיין פינסטער מזל. די מוטער וואס פלעגט שטיין איבער א באליע וועש און אלץ טון כדי דאס שטיקל ארימען לעבן צוזאמענהאלטן, ר'האט זיך געחידושט, וואס דוקא איצט לעבט דאס אלץ אויף ביי אים פונדאסניי.

אין זיין געדאַנק שווימען פאַרביי בילדער, לאַנג פאַרגעסענע, פאַרלעגערטע, אינגעווייניק אין זיין האַרץ פלעגט וואָס אויפשטיין און דערציילן פון אַ ווילדע יוגנט, פון אַלעס וואָס ער האָט דורך זיין רעשיק לעבן דורכגעמאַכט. ס'האָט זיך אים דאַמאָל געדוכט, דאָס ס'זיצן אין אים צוויי נשמות. איינע אַ פאַרחלומטע, וועלכע האָט ליב געהאַט צו ליגן אויף די ברייטע פעלדער, מיטן פּנים אַרויף און זיין מוח איז אין גאַנצן געווען פאַרנומען מיט דער איינציקער מחשבה, אַז דאָס לעבן איז דער עיקר. ס'איז געגעבן געוואָרן צו געניסן הנאה צו האָבן. זיין יונגע נשמה איז דאַמאָל געווען פול מיט אמונה, אַז דאָס אמתע לעבן דאַרף ערשט קומען. אָבער וואָס האָט דאָס לעבן אים געגעבן, וואָס? ער האָט דערפילט אַ פוסטקייט אין זיין האַרץ, וואָס האָט ביטער געשריגן. דאָס פון זיינע חלומות און מחשבות האָט דאָס לעבן פון אים נאָר אכזריות'דיק געלאַכט... דער אַנדערער, דער עזות'ניק אין אים האָט ווילד הנאה געטון פון דעם וואָס אַלע אינם שטעטל, האָבן פאַר אים מורא געהאַט, געטון אַלעמען צולהכעיס און תמיד געוואָלט משונה'דיקע זאַכן. עפּעס ווי אַ קליפּה וואָלט אין אים געזעסן.

זיינע געדאַנקען טראָגן אים אַוועק ווייט, ווייט. אַ שוידער גייט דורך זיין לייב דערמאָנענדיק זיך גענוי מט אַלע פּרטים, ווי אַזוי ער האָט זיך מיט ציפּע'ן באַקענט... זיך געליבט און ווי ער פלעגט אין די האַלב טונקעלע פּרימאַרגנס, ווען ס'שטעטל איז נאָך געשלאָפן אָפּוואַרטן דאָס שוואַרץ חנ'עוודיקע דינסטמיידעל, וועלכע פלעגט אַרויס אין הויף עפּעס צו נעמען, אַ באָרוועסע מיט אַ פאַרשלאָפן פּנים, צעפלאָשעטע האָר, וועלכע זיינען געפאַלן איבער אירע פעטע געבויטע פּלייצעס. דאָס קליידעל שמאָל, אַזוי דאָס ס'האָט זיך בולטער אָנגעצויגן איר שיין געפאָרמטע ווייבליכע פיגור, האָט זי אין די האַלב טונקעלע פּרימאַרגנס אויסגעזען באַזונדערס רייצענס.

משה לייב פלעגט אויס געוווינהייט אַ לאַנגע צייט שטיין און אויף איר קוקן, ס'האָט דאַמאָלט זיך אים אויסגעדוכט, דאָס אירע שוואַרצע אויגן גלאַנצן נאַכמער ווי די אויגן פון זיינע צוויי קאַרע פערד, וועלכע זיינען ביז גאָר שוואַרץ. ער פלעגט שטאַרק דריקן איר האַנט, דערביי מורמלען אומפאַרשטענדליכע ווערטער, בעת זי פלעגט צוריקהאַלטן זיין הייס ברענענדיק פּנים פון איר שטאַרק באַוועגענדע ברוסט... דאָס זיינען געווען שווערער מינוטן, ער האָט זיך אַזוי מאָדנע געפילט, ווען זי פלעגט אים מיט אַן אויסערגעוויינליכן כוח אָפּשטופּן און ווילד אין זיין פּנים אַריינגעלאַכט, וועלכעס האָט דאַמאָלט אין זיין הייסן יוגענטס לוסט, אויסגעזען צו גלעטן זיינע הייסע בלוטן... איצט וואָלט ער איר געזאָגט אַז דאָס איז געווען אַ נאַרישער שמייכל.

לכתחילה האָבן זיי זיך געטראָפן אַלע אינדערפרי. שפּעטער צו האָט זי זיך יעדן פאַרטאָגס פאַרגנב'עט צום שטאַל ווו ער האָט געפּוצט די פערד. איינמאָל איז זי צוגעקומען אַזוי באַנגט. דאָס ער האָט זי אַ צי געטון צו זיך. זי האָט געקוויטשעט, געלאַכט. זי ווייס אַליין נישט ווי אַזוי דאָס איז פאַרגעקומען, צי איז דאָס געווען עפּעס אַ כישוף, אָדער עפּעס אַנדערש... אָבער מיט אַ צייט



שפּעטער האָט זי אויפגעהערט צו לאַכן; זי האָט אָנגעהויבן גאָר צו וויינען. דאָס ער האָט איר אומגליקליך געמאַכט... מ'וועט איר אָפּזאָגן פון דער שטעלע. ס'האָט אים פאַרקוועטשט ביים האַרצן און פון זיך אַליין האָבן זיינע ליפּן זיך באַוויזן: ציפּעניו קרוין, וויין נישט מיר וועלן שטעלן אַ חופּה. יאָ מיר וועלן. ר'האָט אויסגעשטרעקט זיינע שטאַרקע האַריקע הענט אַזוי ווי וועמען אַרומצונעמען; ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געבליבן שטיין תמעוואַטע. זיינע גרויע אויגן האָבן פאַרטראַכט געקוקט אין ווייטן מרחק אַריין.

אין זיין זכרון וואַקסט אויף דער שבת, ווען די פאַמיליעס זיינען צוזאַמענגעקומען, מען האָט געבראַכט טעלער, און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום טאַקע חתונה געהאַט. נאָך אַ נידעריק ביינקעל איז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אין מאַרק צוגעקומען און אַזוי ווי אַלע ווייבער פון איר שטאַנד, געוואָרן אַ מאַרק זיצערין. ווינטער איבערן פייער טאָפּ פאַרקויפן הייסע באָב, זומער נעבן אַ גרויסן קויש מיט אויבס... און אַט זעט ער זי זיצן שטריקן זאָקן און פאַרטיפט אין אַן ענין וועגן ווייבערשע זאַכן! ער האָט זיך געחידושט, זיין ווייב ציפּע, איז שוין טויט אַ שטיקל צייט און אַט זעט ער זי, גלייך ס'וואָלט ערשט געווען נאָך זייער חתונה. אויף זיין רעיון שווימט אַרויף די מהומה. דער טאָג איז דאַמאָלט געווען אַ לויטערער, די זון האָט געשפּריצט מיט פלאַמענדע שטראַלן און געבאָדן דאָס שטעטל אין אַ גרויסע היץ, ווען פּלוצלינג איז פונם שאָסיי וועג אָנגעפאָרן עפּעס אַ פּריץ מיט גאָלדענע קנעפּ, אין אַ קעטשעל אָן פערד, מיט אַזאַ רעש אַז דאָס שטעטל האָט אין דעם אויגנבליק אויסגעזען אויסטערליש; עפּעס ווי די גאַנצע וועלט איז מיט אַמאָל משוגע געוואָרן.

דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטון צו זען דאָס נייע וווּנדער. ס'האָבן זיך געעפנט טירן, פענסטער, די בעלי־עגלות האָבן געמוזט שטאַרק האַלטן די פערד ביי די צוימלעך, וועלכע האָבן זיך איבערגעשראָקן און געשפּרונגען פון דער הויט. די צוויי קאַרע פערד האָבן זיך אַ ריס געטון פון זיינע הענט און מיט אַן אימפּעט אַריין צווישן די געשטעלן. ס'איז געוואָרן אַ געשריי, די קולות האָבן זיך צוזאַמענגעמישט מיט דעם געקלאַפּ פון די פערדס פּאַדקאָוועס. דער טומל איז געוואָרן שרעקליך גרויס. דאָס מענטשן האָבן נישט געוווּסט ווו צו לויפן; ציפּע זיין ווייב, אַ שווער באַלייבטע יידענע, וועלכע האָט מיטגעהאָלפן אין דער פּרנסה איז געפאַלן אין חלשות. ס'האָט זיך יעדע מינוט געבילדעט אַ קראַנץ פון מענטשן; וואָס פלעגן זיך אָפּשטעלן, וואַרפן אַן אומרואיקן בליק. מען האָט געטון כל־התפעלות זי צו מונטערן, באַגאָסן מיט שפּער וואַסער, געשפּריצט מיט אַקאַוויט, צוגעשטעקט צו איר נאָז פאַרשידענע שטאַרקע טראָפּן, געריבן די שלייפן, ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן, זי איז געבליבן ליגן מיט פאַרהאַקטע ציינער, פאַרגלייזטע אויגן און אַ שטאַרק בלייך פּנים.

ווען משה לייב איז מיט אַ נעבראָכן געמיט און אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַהיים געקומען, האָט שוין זיין ווייב ציפּע אויסגעהויכט אירע לעצטע מינוטן. זינט דאַמאָלט זאָגט דער עולם, איז זיין זכרון נישט אין אָרדנונג און אפשר... האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַ מורא פאַר עפּעס אומבאַוווּסטעס, געהיימעס, שרעק־

ליכעס, איז ביי אים אין הארצן געוואקסן. ער האט אלץ אנגענומען פאר א שלעכטן סימן, אז תמיד לאקערט נאך אים דער פינסטערע מזל... ר'האט זיך געפילט דאס ער איז דער אומגליקליכסטער מענטש.

דער סטארשי סטראזשניק, א ברייטביינערדיקער גוי, וואס איז תמיד מוכן ומזומן געווען אנצולערנען די זשידים, איז מיט א געבייזער און רויט פאר כעס אנגעלאפן, מיט דער האנט אויפן הענטעל פון זיין שווערט, וועלכעס איז געהאנגען ביי דער זייט און נאך געבאמבעלט בשעת זיין לויפן, אין דער אנדערע האנט דעם רעוואלווער, גלאט אזוי לפנים, צו ווייזן דעם פריץ דאס ר'איז גרייט אפצוהיטן דאס געזעץ, הינטער אים איז ווי אונטערגעשפרונגען דאס קליינע סטראזשניקל, אדאש, דער זון פונם שטאטס גביר. דערהערנדיק דעם טומעל, מיינענדיק דאס ס'ברענט ערגעץ, איז ארויס מיטן פייערלעשערס היטל אויפן קאפ, וועלכעס האט אין די ברענענדע תמוז זון געבלענדט און געפינקעלט. דערווייל האט זיך געקליבן אן עולם ארום דעם קעטשעל, מען האט זיך געקליגעלט און יעדער אויף זיין שטייגער די זאך דערקלערן.

אפרים זייגערמאכער, א ייד שוין אין די יארן, מיט אן איינגעהויקערטע פלייצע, א לענגליך באוואקסן ביינערדיק פנים און א לאנגע נאז מיט א הויקערדיקן ביין אינדערמיט, אויף וועלכן ס'זיינען געזעסן א פאר בלויע ברילן; דער עולם האט אים גערופן אפרים חקרן און אים געהאלטן פאר איינעם וואס קען אלץ און ווייס אלץ. ער האט די זאך דערקלערט על פי שכל, אזוי ווי א חקרן, א זייגערמאכער, אז אלץ איז א שפרוזינע און אויפגעוויזן אז דאס איז נאך גארנישט, וואס די מענטשהייט וועט דערגרייכן. דערביי האלטן א דרשה וועגן לויף פון דער געשיכטע, דערקלערן דאס דורך די שנעלע פארבינדונגען, פון איין פאלק מיטן צווייטן, ווי די רעדלעך פון א גייענדיק געווערק, וועט די גאנצע מענטשהייט באגליקט ווערן.

עס האט פאמעלעך אנגערוקט דער פארנאכט. די זון האט זיך ארונטערגעלאזט צו מערב און הינטער דעם זאמדיקן בארג זיך געפארעמט אין א גרויס רונדיקן פייערדיקן קוגעל. פארשידענע ריחות האבן זיך אריינגעגנב'עט פון די פרישע ברייטע לאנקעס, מיט א מילד ווינטל וואס האט געקילט די הייסע לופט. יידן האבן אינם בית־המדרש בין מנחה־ומעריב, מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם גערעדט וועגן דעם געשעעניש. רב שמעלקע, א קליין יידל אן אויסגעפילטס, און א כעסן, וועלכער האט תמיד געהאלטן דאס שטעטל אויפן אויג, איז מיט א כיון פארבייגעגאנגען נעבן אפרים חקרן און להכעיס'דיק א זאג געטון: „אין כל חדש תחת השמש!" ר'האט א מאך געטון מיט זיין פעט פוכיק קליין הענטעל, וועלכעס האט געמיינט, אז ער האלט נישט פון זיינע חקירות. אן אנדערש מאל וואלט דאס ארויסגערופן א פילפול, אבער דאס מאל זיינען די ווערטער געבליבן הענגען אין א שטיקענדיקע לופט, מחמת דער עולם איז איצט געווען פארנומען מיט'ן זאגן א קאפיטל תהילים פאר די נשמה פון משה־לייב'ס ווייב ציפע.

אמת, אז קיין זארג האט אינם שטעטל קיינמאל נישט געפעלט, יעדער



האט געהאט מיט זיך צו טון, איז אבער צו די אלע דאגות צוגעקומען א פרישע זארג דער נייער אלמן. כאטש די גאנצע זאך פון דער מהומה איז שוין געווען פארבלאסט אין יעדנס זכרון, האט אבער אברהם־בער דער שטאטס שדכן אן משה־לייב נישט פארגעסן און גענומען די זאך אין האנט אריין. ס'איז נישט געווען אזוי געשווינד ווי מען זאגט. באמת האט משה־לייב נישט געקליבן זיך חתונה צו האבן; די געשעעניש איז נאך געווען פריש אין זיין זכרון. ער איז אבער געווען שטארק דערשלאגן און געפילט זיך איינזאם און עלענד... די ווערטער פון אברהם־בער: עד מתי, ווי לאנג קען א ייד זיך וואלגערן איינער אליין... און געגעבן אים צו פארשטיין, דאס באשע די יונגע אלמנה, באשטייט אויפן שדוך און איז גרייט מיט אים חתונה צו האבן. ער האט זיך פארטראכט. עפעס א געדאנק איז אדורך טיף אין זיין מחשבה, און אים נישט געגעבן קיין רו. גאנצע שעה'ן ביז שפעט אין דער נאכט, פלעגט ער זיצן ביים פענסטער פון זיין קליינעם שטיבל און מיט זיך אליין איינטענה'ן: שוין פינף און דרייסיק יאר ווי איך בין שמייסער, אינגאנצן אלט א יאר זעכציק, איך זאג אין גאנצן, דערפאר ווייל איך רעכן נאך א סך צו לעבן... פארוואס טאקע נישט חתונה האבן? וואס איז משטיינס געזאגט א מענטש אליין? ס'איז דאך בכלל א יידישע זאך...

יענער נאכט האט משה־לייב נישט צוגעמאכט קיין אויג, עפעס ווייטיקע זאכן קריכן אין זיין שווער מידן קאפ. זיין בליק איז געפאלן צום פענסטער, די לופט איז געווען שטיל דורכזיכטיק און פריש, די נאכט פינסטער, דער שוואכער שיין פון זיין קליינעם לעמפעל, ווינקט צו אים עפעס אזוי געהיימניספול. ס'דאכט זיך אים דאס די שאטנס אויף די ווענט הייבן זיך אן באוועגן און קריכן אריין אין די האלב אפענע אויגן, דורך זיין איינגעשלעפערטן מידן מוח שווימען פארביי נעבעלדיקע געשטאלטן. עפעס זעט ער דעם ברייטן שאסיי וועג, ווי ס'ציען זיך לאנגע שורות מיט פורן. ער דערקענט דאס שיטערע וועלדעל! און וואס טוט זיין ווייב ציפע דא? ר'וויל אראפשפרינגען פון זיין פור און צולויפן צו איר און קען נישט. ער דערפילט א שטארקע ווייטאק אין אלע זיינע גלידער. עפעס איז אים אזוי הייס און דושנע. אט זיינען זיינע צוויי זין געקומען, א שאד וואס ציפע איז נישט דא, זיי וויינען און ער בעט זיך ביי זיי: קינדערלעך: גענוג... ר'האט זיך פלוצלינג ארומגעקוקט אינם שטיבל און זיך געחידושט: וואס טוען אט די אלע מענטשן דא? זיין פנים איז געווארן פארערדט און זיין מידער קאפ איז געפאלן אויף צוריק. ער האט א שטארקן קרעכץ געגעבן און זיינע ליפן האבן שטיל געשעפטשעט: אלץ די מהומה, אלץ די מהומה.

ווען אברהם־בער איז צו מארגנס געקומען וועגן א תשובה האבן שוין בעלי־עגולת פון זיין חברה געזאגט תהילים פאר זיין נשמה וועגן.

ליכעס, איז ביי אים אין האַרצן געוואַקסן. ער האָט אַלץ אָנגענומען פאַר אַ שלעכטן סימן, אַז תמיד לאַקערט נאָך אים דער פינסטערע מזל... ר'האָט זיך געפילט דאָס ער איז דער אומגליקליכסטער מענטש.

דער סטאַרשי סטראַזשניק, אַ ברייטביינערדיקער גוי, וואָס איז תמיד מוכן ומזומן געווען אָנצולערנען די זשידים, איז מיט אַ געבייזער און רויט פאַר כעס אָנגעלאָפן, מיט דער האַנט אויפן הענטעל פון זיין שווערט, וועלכעס איז געהאַנגען ביי דער זייט און נאָך געבאַמבעלט בשעת זיין לויפן. אין דער אַנדערע האַנט דעם רעוואָלווער. גלאַט אַזוי לפנים, צו ווייזן דעם פריץ דאָס ר'איז גרייט אָפּצוהיטן דאָס געזעץ, הינטער אים איז ווי אונטערגעשפרונגען דאָס קליינע סטראַזשניקל, אַדאָש. דער זון פונם שטאָטס גביר, דערהערנדיק דעם טומעל, מיינענדיק דאָס ס'ברענט ערגעץ, איז אַרויס מיטן פייערלעשערס היטל אויפן קאָפּ, וועלכעס האָט אין די ברענענדע תמוז זון געבלענדט און געפינקעלט. דערווייל האָט זיך געקליבן אַן עולם אַרום דעם קעטשעל, מען האָט זיך געקליגעלט און יעדער אויף זיין שטייגער די זאַך דערקלערן.

אפרים זייגערמאַכער, אַ ייד שוין אין די יאָרן, מיט אַן איינגעהויקערטע פלייצע, אַ לענגליך באַוואַקסן ביינערדיק פנים און אַ לאַנגע נאָז מיט אַ הויקערדיקן ביין אינדערמיט, אויף וועלכן ס'זיינען געזעסן אַ פּאָר בלויע ברילן; דער עולם האָט אים גערופן אפרים חקרן און אים געהאַלטן פאַר איינעם וואָס קען אַלץ און ווייס אַלץ. ער האָט די זאַך דערקלערט על פי שכל, אַזוי ווי אַ חקרן, אַ זייגערמאַכער, אַז אַלץ איז אַ שפּרוזינע און אויפגעוויזן אַז דאָס איז נאָך גאָרנישט. וואָס די מענטשהייט וועט דערגרייכן, דערביי האַלטן אַ דרשה וועגן לויף פון דער געשיכטע, דערקלערן דאָס דורך די שנעלע פאַרבינדונגען, פון איין פאַלק מיטן צווייטן, ווי די רעדלעך פון אַ גייענדיק געווערק, וועט די גאַנצע מענטשהייט באַגליקט ווערן.

עס האָט פאַמעלעך אָנגערוקט דער פאַרנאַכט. די זון האָט זיך אַרונטערגעלאָזט צו מערב און הינטער דעם זאַמדיקן באַרג זיך געפאַרמט אין אַ גרויס רונדיקן פייערדיקן קוגעל. פאַרשידענע ריחות האָבן זיך אַריינגעגנב'עט פון די פרישע ברייטע לאָנקעס, מיט אַ מילד ווינטל וואָס האָט געקילט די הייסע לופט. יידן האָבן אינם בית־המדרש בין מנחה־ומעריב, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם גערעדט וועגן דעם געשעעניש. רב שמעלקע, אַ קליין יידל אַן אויסגעפילטס און אַ כעסן, וועלכער האָט תמיד געהאַלטן דאָס שטעטל אויפן אויג, איז מיט אַ כיון פאַרבייגעגאַנגען נעבן אפרים חקרן און להכעיס'דיק אַ זאָג געטון: „אין כל חדש תחת השמש!“ ר'האָט אַ מאַך געטון מיט זיין פעט פוכיק קליין הענטעל, וועלכעס האָט געמיינט, אַז ער האַלט נישט פון זיינע חקירות. אַן אַנדערש מאָל וואָלט דאָס אַרויסגערופן אַ פּילפּול, אָבער דאָס מאָל זיינען די ווערטער געבליבן הענגען אין אַ שטיקענדיקע לופט, מחמת דער עולם איז איצט געווען פאַרנומען מיט'ן זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים פאַר די נשמה פון משה־לייב'ס ווייב ציפּע.

אמת, אַז קיין זאָרג האָט אינם שטעטל קיינמאָל נישט געפעלט. יעדער



האָט געהאַט מיט זיך צו טון. איז אָבער צו די אַלע דאגות צוגעקומען אַ פרישע זאָרג: דער נייער אַלמן. כאָטש די גאַנצע זאַך פון דער מהומה איז שוין געווען פאַרבלאַסט אין יעדנס זכרון, האָט אָבער אברהם־בער דער שטאָטס שדכן אָן משה־לייב נישט פאַרגעסן און גענומען די זאַך אין האַנט אַריין. ס'איז נישט געווען אַזוי געשווינד ווי מען זאָגט. באמת האָט משה־לייב נישט געקליבן זיך חתונה צו האָבן; די געשעעניש איז נאָך געווען פריש אין זיין זכרון. ער איז אָבער געווען שטאַרק דערשלאָגן און געפילט זיך איינזאַם און עלענד... די ווערטער פון אברהם־בער: עד מתי, ווי לאַנג קען אַ ייד זיך וואַלגערן איינער אַליין... און געגעבן אים צו פאַרשטיין, דאָס באַשע די יונגע אלמנה, באַשטייט אויפן שידוך און איז גרייט מיט אים חתונה צו האָבן. ער האָט זיך פאַרטראַכט. עפּעס אַ געדאַנק איז אַדורך טיף אין זיין מחשבה, און אים נישט געגעבן קיין רו. גאַנצע שעה'ן ביז שפּעט אין דער נאַכט, פלעגט ער זיצן ביים פענסטער פון זיין קליינעם שטיבל און מיט זיך אַליין איינטענה'ן: שוין פינף און דרייסיק יאָר ווי איך בין שמייסער, אינגאַנצן אַלט אַ יאָר זעכציק. איך זאָג אין גאַנצן, דערפאַר ווייל איך רעכן נאָך אַ סך צו לעבן... פאַרוואָס טאַקע נישט חתונה האָבן? וואָס איז משטיינס געזאָגט אַ מענטש אַליין? ס'איז דאָך בכלל אַ יידישע זאַך...

יענער נאַכט האָט משה־לייב נישט צוגעמאַכט קיין אויג. עפּעס זייטיקע זאַכן קריכן אין זיין שווער מידן קאָפּ. זיין בליק איז געפאַלן צום פענסטער, די לופט איז געווען שטיל דורכזיכטיק און פריש, די נאַכט פינסטער. דער שוואַכער שיין פון זיין קליינעם לעמפּעל, ווינקט צו אים עפּעס אַזוי געהיימניספול. ס'דאַכט זיך אים דאָס די שאָטנס אויף די ווענט הייבן זיך אָן באַוועגן און קריכן אַריין אין די האַלב אָפענע אויגן, דורך זיין איינגעשלעפערטן מידן מוח שווימען פאַרביי נעבעלדיקע געשטאַלטן. עפּעס זעט ער דעם ברייטן שאָסיי וועג, ווי ס'ציען זיך לאַנגע שורות מיט פורן, ער דערקענט דאָס שיטערע וועלדעל! און וואָס טוט זיין ווייב ציפּע דאָ? ר'וויל אַראָפּשפּרינגען פון זיין פור און צולויפן צו איר און קען נישט. ער דערפילט אַ שטאַרקע ווייטאָג אין אַלע זיינע גלידער. עפּעס איז אים אַזוי הייס און דושנע. אָט זיינען זיינע צוויי זין געקומען. אַ שאָד־וואָס ציפּע איז נישט דאָ. זיי וויינען און ער בעט זיך ביי זיי: קינדערלעך: גענוג... ר'האָט זיך פלוצלינג אַרומגעקוקט אינם שטיבל און זיך געחידושט: וואָס טוען אָט די אַלע מענטשן דאָ? זיין פנים איז געוואָרן פאַרערדט און זיין מידער קאָפּ איז געפאַלן אויף צוריק. ער האָט אַ שטאַרקן קרעכץ געגעבן און זיינע ליפּן האָבן שטיל געשעפּטשעט: אַלץ די מהומה. אַלץ די מהומה.

ווען אברהם־בער איז צו מאָרגנס געקומען וועגן אַ תשובה האָבן שוין בעלי־עגולת פון זיין חברה געזאָגט תהילים פאַר זיין נשמה וועגן.

## אַברהם פּנחס ציקערט

### דריי מאַי-גלעקלעך

(פאַר סאַלי בלאַו)

#### אייביקייט

ס'איז דאָ מיין ברויט אויף יעדן וועג, —
פון נויט אַרויס געקנאָטן,
ס'איז דאָ אַ טרייסט פאַר יעדן האַרץ,
וואָס ווערט פון צער געטראָטן,
ס'איז דאָ אַ וואָרט פאַר יעדער צווייג
וואָס ברעכט זיך אָפּ פון שטאָם:
— גאָט דער אייביקער איז בלויז —
אַ דאָרן און אַ פלאָם — —

#### דו

ב'זע אַ לאַבירינט פון ווענט,
ס'קומט עמעץ אָן — געריטן,
און טראָגט דיין נאַקעט לייב וואָס ברענט
דיין גוף — פון גאָט געשניטן.

איך נעם דיין גוף אויף מיינע הענט,
און ס'צאַפּלען ווילד מינוטן,
איך האָב אין דיר מיין איך דערקענט
מיין איך — אין צוויי געשניטן.

#### אינטים

די נאַכט האָט געוויינט. איצט אין בלוטיק געוואַנט,
שטרעקט זי צו מיר אַ פינצטערע האַנט.
זי וויקלט איר קלייד, מיין קערפּער אַרום
און שטיל ווי אַ סוד, פליסטערט זי: קום...
די ערד ליגט און שלאָפט. דאָס פינצטערניש וואַכט,
מיר גייען געאָרעמט, איך און די נאַכט.
אַ שטעג שפּרייט זיך אויס, ווי אַ זילבערנע בייט
און ציט איבער ערד, אַ פאָדעם פון זייד — —
און פלוצים צעפיבערט די נאַכט זיך גאַנץ רויט:
קוש מיך אויף ליפּן אויף קאַלטע — — מיט טויט!
איך נעם איר אַרום, און אָטעם איר רופט,
און קוש איר אויף ליפּן פון אַ שטיינערנעם גוף,
פון אַ טויט שטילע נאַכט, וואָס דערציילט מיר מיין בראָך — —



און ס'פיבערט די שוואַרצע: קוש מיך! קוש נאָך!
איך קוש איר אויף ברוסטן, אויף ליפּן און הענט,
מיך וועקט קאַלטע שטילקייט און זי פיבערט, ברענט.
פון רויטלעכע פלאַמען, די נאַכט רעדט צו מיר:
קוש מיך נאָך שטאַרקער, קוש! פרעס מיך צו דיר! — —
איך דרוק דעם טרויער פון לאַנג טויטע נאַכט,
איבער אונז ביידע גייט חושך און וואַכט — —

## ש. זאַלקין

### אַ מתנה צום דיכטער א. נ. שטענצל צו זיין 50 יובילעאום

ווי שיין די אַלטע ניגונדלעך,
עס ציט ווי אין אַ טרוים,
עס זינגען נאָך די פייגעלעך
אויף יעדן קוסט און בוים.

די יידישע נשמהלעך,
געהייליקטע אין פיין,
אין ברוסט, ווי ווייסע טייבעלעך,
זיי פליען שטיל אַריין.

און דאָרט אַ זילבער סטרונעלע,
אַ טייבעלע רירט אָן,
עס פליט אַרויס אַ לידעלע,
אַט גלייך צו גאָטעס טראָן.

נו, זינג די יידיש לידעלעך,
פאַר גאָט אָין אויך פאַר מיר,
פאַר שיינינקע ניגונימלעך
מיר וועלן דאַנקען דיר.

משה עובד

# אידישע נקמה

(פון דער סעריע איבערלעבענישן).

איר וועט עס קיינמאל נישט גלויבן, כאטש ס'איז אן אטאביאגראפישער פאקט, אז צו דער לעצטער וועלט־מלחמה האב איך נאך צוגעלייגט געלט, אפילו ניט געהאט קיין חשק צו מאכן א לעבן.

ערשט עטליכע יאר שפעטער האב איך זיך גענומען צום האנדל מיט חשק. חשק סטימולירט דעם אפעטיט. אפעטיט וועקט אויף ס'מזל. דערנאך גייט עס שוין ווי געשמירט.

מ'קויפט און מ'פארקויפט אפילו דימאנטן און פערל נישט ווייל מ'האט עס ליב, נאר ווייל מ'איז פארליבט אין דער פאעזיע פון האנדלען גופא. און מ'פארדינט שיין!

איז צו יענער צייט צו מיר אריינגעקומען א גרויס־פויליש קליין יידל, א היימישער גערער חסיד, וועלכן מיר וועלן רופן „איטשע מאיר" און ער האט פראפאגירט איך זאל אים אנפארטרויען מיט א פראשיקעל שטיינדלעך אויף א קאמיסיאנס באזיס.

איטשע מאיר איז מיר שוין לאנג געווען באקאנט פון ציוניסטישע דע־מאנסטראציעס און ליטערארישע אווענדן און ווען ער איז אריינגעקומען און מיר נאך געוויזן אז ער האט א פאסטקארטל פון שלום עליכם'ן וואס זעט אויס ווי א געל לעקעכל אין וועלכן ש"ע עה"ש האט אריינגעבראקט א פרישן וויץ, און עס באשאטן מיט פערלדיקע אותיות ווימיט זיסן מאן און ער האט מיר אויך געוויזן א קארטעל פון אברהם רייזען, ווו אונזער גוטהארציקער דיכטער רימט שטארק איטשע מאיר'ס געטאקטן כתב־יד, פארגלייכנדיק עס צו די שווארצע בחנטע לאקן פון שושנה'ן. האב איך אים דאך ניט געקאנט אפזאגן זיין בקשה, און אים געטרויט מיט א פראשעקעל בלישטערס די ווערט פון עט־ליכע הונדערט פונט.

ווען איטשע מאיר האט געזען אז מ'געטרויט אים האט ער זיך געלאזט אין מארק אריין מיט קאצקער ברען! פון אים אליין איז געווארן א פלאם, פון די שטיינדלעך פונקן און פון די פונטן פייערדיקע צונגען! אונאויסלעשבאר! און הגם ער האט שוין פון לאנג־אן געטראגן א קורץ אפיקורסיש רעקל, דאך דעם קינסטלערס אויג האט אים נאך געזען ווי ער פליט אויף די לאנגע באפלי־געלטע פאלעס.

האבן מיך מענטשן פון דימאנטן מארק געווארנט: „סטייטש איר געטרויט איטשע מאירן! דער פויגעל וועט דאך אייך בדלות שטעלן". אבער איך האב זיך געטראכט: „עה, אונמעגלעך! ער מאכט דאך אזא שיין לעבן פון מיין סחורה, ניין, אזא שוטה וועט ער ניט זיין. און דאצו זיינען דאך מיר בײדע פאר־ברענטע ציוניסטן, און מיר רייבן זיך בײדע צווישן די זעלבע אינטעלעקטואלען, ניין, ער וועט עס ניט טון!"



און להכעיס האב איך אים געטרויט נאך מער ווי פריער. ער האט שנעל פארקויפט און שנעל באצאלט, און מיר האבן בײדע געמאכט א שיין לעבן.

והראיה, ווען ער האט צו יענער צייט חתונה געמאכט א קינד האט ער עס געטון כיד המלך.

עס זיינען געקומען רייכע דימאנטיר, מיט זייערע ווייבער, ממש נאקעטע ביזשאטור געוועלבער. עס זיינען געקומען די בעסטע שלייפער און פאלירער ווי אויך די סמעטענע פון די לאקאלע כלי קודש. די ציוניסטישע ארגאניזא־ציעס, די ליטערארישע פאריינען און לאנסמאנשאפטן, אלע האבן געשיקט דע־לעגאציעס און טעלעגראמען, איטשע מאיר'ן אפגעבן כבוד און זיך טיילן אין זיין גרויסער שמחה.

נאך די פשעטעלדיקע דרשות, אגיטאציאנס־רעדעס און ליטערארישע רעפעראטן און נאך דעם ווי דער מחותן אליין האט מיט א גמרא ניגון פוירגע־לייגט מיינס א „פריידענקענדע" פאעמע, רוימט מיר איין א דימאנטן שלייפער וואס איז געזעסן ווי־זא־ווי און איז געווען אביסל בגלופין: „איך האב שטארק מורא אז דאס ליד וועט אייך קאסטן אן אוצר. איך וועט זיך מיט אייך א פלאש שאמפיין".

פרעג איך אים: „פון וואנען ווייסט איר?" ענטפערט ער מיר: „איך שלייף דאך איבער די אלטע שטיינער וואס איר גיט אים ארויס און איך ווייס אויף זיכער אז ער פארקויפט זיי פאר פיל וויניקער וויפל איר פארלאנגט פאר זיי. אט איר זעט די סאליטער אויררינגלעך אויף יענער דארער אידענע דארט — אייערע. איר זעט דארט דאס בראנזלעטעל אויף יענער פעטער אידענע, 10 עמעראלדשליף שטיינדלעך, אלע אייערע. טא ווי לאנג קען אזא זייפן־בלאז אנהאלטן! עס מוז דאך אמאל פלאצן!"

„נארישקייטן!" שריי איך אויס, מאכט ער „גוט, גלויבט אין אים, איך האב אייך געווארנט, געדענקט"...

דער עולם ווערט וואס א רגע מער אויפגערוימט. העלדזער פון פלייש און בלוט ווילן איבערשרייען העלדזער פון מעש און קופער. די פלאשן און גלעזער ציטערן ווי מינארעטן פאר אן ערד ציטערניש, און די איבערגעשליפענע פע־קירטע דימאנטעלעך ווינקען צו מיר „מזל טוב! מזל טוב!"

הגם איך בין א פריילעכער קרעמער, ווען עס קומט אויף חתונות ווער איך טרויעריק, און אויב איך בין נישט שיכור פון טרערן בין איך ניכטער פון בא־אבאכטן.

און אויף דער חתונה איז געווען איין מענטש פון וועלכער איך האב ניט געקאנט מיינע אויגן אוועקרייסן און דאס איז געווען איטשע מאיר'ס ווייב.

ער, איטשע מאיר איז תמיד געווען מטושטש און צעטראגן בפרט נאך דעם ווי דער צפון־ים האט אים ווי א שטאלענע זעג צוזעגט אויף צווייען ווארפט ער זיך ווי א שלאנג און קען זיך קיין ארט געפינען.

די געסטיקולאציעס, תנועות, העוויות און חכמה'לעך ער האט מיטגעבראכט פון דער היים האבן אין לאנדאן קיין טעם, קיין ראם און קיין זינען. די זמר'לעך

און נגינים׳לעך האָבן דאָ ניט קיין האַרמאָנישן אָפּקלאַנג. און בשעת הרחק איז אַפילו ניטאָ אַ בערדעל צו באַדעקן די בושה פון פּנים, און ניטאָ די פּאות צו פאַרדעקן די שאַנד פון אויפגעדעקטע אויערן.

און צו די ענגלישע פאַרגליווערטע העזיות און מאַניערן איז אַ מהלך פון דורות...

אָבער צו וואָס די כאַראַקטעריזאַציע? ווער קען דאָס ניט דעם איטשע מאיר טיפּ? און וואָס פאַר אַ שיין פּנים ער האָט אין די „פרייע" מדינות? וועלכער שרייבער און קריטיקער קען ניט הונדערטער פון זיי? ס׳רוב פון אַלטן דור שרייבער און קריטיקער זיינען דאָך אַליין איטשע מאירס. און אַ יונגן דור האָבן מיר דאָך דערווייל נישט, אויסער איינצעלנע. וואָס דאַרפט איר גיין ווייט? אַט נעמט „נאָ פּשיקלאָד" דעם שרייבער פון די צײלן! כלפּי חוץ קען זיך אייך אויסדאַכטן אַז ער איז קיל, געלאַסן, און באַלאַנסירט. דאָך זאָל ער זיך נאָר אַביסעלע אויפקאַכן לויפט ער באַלד איבער מיט אַ איטשע מאיר׳איסטעשער ענע־גיע, גענוג אַ גאַנץ חסידים שטיבל צו פאַרפלייצן!

אָבער ווען איך האָב באַטראַכט איטשע מאיר׳ס ווייב, הגם זי קומט אויך פון אַ קליין שטעטל פון גרויס פּוילן דאָך איר אויסזען, שטימע, בליק און באַוועגונג זיינען געווען ווי געגאָסן פון איין שטיק ריינעם מעטאַל, קיינע קאָנפליקטן אין איר נשמה. אַזוי ווי זי וואָלט געווען איר אייגן מוטערלאַנד. אירע אויגן געווענדעט צום הימעל האָבן געלעבט בשלום מיט איר גוף פאַרבונדן מיט ערד.

און אַזוי ווי איך באַטראַכט דאָס אַלעס, רוימט מיר איין דער דימאַנטן שלייפער: „אָט זי, איז די אמת׳ע אשת־חיל! יעדעס מאָל ער פאַלט אַריין אין אַ בלאָטע, שלעפּט זי אים אַרויס".

פרעג איך דעם שלייפער: „ווי עס זעט אויס ווייסט איר אַלע סודות טאָ קענט איר מיר ערקלערן פאַר וואָס עס גייט אים אייביק מיט דער פּוטער אַראָפּ?"

„ גאַנץ איינפאַך" ענטפערט ער. „דער מענטש איז משוגע אויף צדקה טון. אַ ייד אַ טובה טון וואָלט ער געשפּרונגען פון דאַך אַראָפּ. איז ער דאָך אָבער אַ שלימזל, ברעכט ער אייביק האַלדז און נאַקן!"

זיינע רייד ·זיינען מיר אין דער נאָז אַריין, און ניט לאַנג נאָך דער חתונה זיינען איטשע מאיר׳ס טשעקען צוריקגעקומען, מיט רויטע באַנקערישע באַמערקונגען, ווי אָפּגעשמיסענע... בקיצר ער האָט מיר אָנגעקנאַקט אויף 800 פונט. ואיטשע מאיר איננו!

עס איז פונקט געווען ערב ראש השנה ווען איך בין מיט מיין פאַרדרוס אַהין צו איטשע מאיר׳ס ווייב, דערציילט זי מיר אַזוי:

„די לעצטע חדשים פלעגט ער זיך יעדער נאַכט וואַרפן אויפן בעט און ויפּצן און זיך שלאָגן על חטא. נאָר זי ווייסן דאָך ווי עס איז. געלעבט אין דער האָפנונג אַז ער וועט זיך ענדלעך אַרויסדרייען. נו זען זי דאָך ווי שיין ער האָט זיך אַרויסגעדרייט. יאָ, גאָר שיין! מיך און די קינדער איבערגעלאָזט



אַן אַ פּעני און דאָ גיין די יום טובים און כ׳האָב גאָר ניט אין שטוב. שיין זיך אַרויסגעדרייט! האָנטלאָפן פון לאַנד." זי שטיקט זיך אין טרערן. שיקט אַרויס די קינדער פון שטוב און רעדט ווייטער: „נאָר גלויבן זי מיר, איך וועל אַרבייטן נאָך שווערער ווי מיין גאַנץ לעבן. וויסן זי אַז פון אים האָב איך קיין מאָל נישט איין פּעני גענומען. מיט דער נאָדעל און מיט מיינע צען פינגער האָב איך זיך אייביק דערנערט און אויפגעצויגן מיינע שיינע קינדער. זיי געגעבן אַן אָנשטענדיקע ערציונג און בילדונג, אַלע רעדן לשון קודש. גלויבן זי מיר, זי וועלן גאָרנישט פאַרלירן, איך וועל אָפּשפּאָרן פון ביסן. איך וועל וועלטן איינרייסן, און איהן וועל איך אָפּגעבן דעם חוב.

„אַזאַ זאַך אָפּצוטון איהן! ניין דאָס וועל איך אים קיין מאָל נישט מוחל זיין," זאָג איך:

„נעמט אייך ניט אַזוי צום האַרצן. ער האָט דאָך דאָס געלט נישט פאַרשיכורט אָדער פאַרהולטייעט," זאָגט זי:

„וויפיל האָבן זי אין מיין מאַן פאַרדינט אין פאַרלויף פון דער צייט וי האָבן מיט אים געהאַנדעלט?" זאָג איך:

— גענוי ווייס איך ניט, נאָר מן הסתם אַ 400 פונט. זאָגט זי: „דאָס פאַרדינסט וועלן זי לײדער מוזן פאַרלירן, ווייל מענטשן האָבן מיר שוין דערציילט אַז זיי האָבן איהן געוואָרנט. אָבער פאַר דעם קרן, דאָס הייסט פאַר די אַנדערע 400 פונט בין איך פאַראַנטוואָרטלעך."

איך בין אַוועק און ס׳האָט מיר זייער שטאַרק באַנג געטון דאָס וואָס צוליב מיינע געשעפטן מיט איטשע מאיר׳ן אונצוליב דער חתונה בין איך ניט געפאָרן צו דער גרויסער פייערונג: צו דער ערעפנונג פון העברעאישן יוניווערזיטעט אין ירושלים, וואָס איז געווען מיין גרויסער חלום בייצוואוינען.

ס׳גיין פאַרביי עטליכע וואָכן שיקט מיר די פרוי אַ מתנה: צוויי פּאָר וואָלענע שקאַרפּעטקעס וואָס זי האָט אַליין אויסגעשטריקט פאַר מיר און זיי האָבן געוואָרעמט מיינע צוויי פרירענדע פּעדעסטאַלן בעסער ווי הייסער וואַסערפלאַשן, און טעג שפּינען זיך און חדשים וועבן זיך און ס׳ווערט פון זיי יאָרן אויסגעהאַפּטענע ווי די טעפּעכן און ס׳קומען נאָך בלוטיקע פייערדיקע יאָרן וואָס פאַרפלייצן און פאַרברענען אַלע פּויריקע און אין איטשע מאיר׳ן און אין צוזאָג פון זיין פרוי האָב איך ווי אין גאַנצן פאַרגעסן.

און אַזוי ווי איך שלאָף אין דער ווייכער פּאַטער־שטול פון שיכחה וועקט מיך אויף דער טעלעפאָן און באַהעפט מיך מיטן קול פון דער פרוי וואָס איך האָב שוין ניט געהערט אומגעפער אַ פינפטל יאָרהונדערט.

עס איז דאָס זעלבע קול נאָר איצט אַנשטאָט שטיקן זיך אין טרערן שטיקט עס זיך אין פרייד. אָבער עס שטופּט זיך דורך צייט און פרייד און דערגרייכט מיך.

— וואָס איז?

— איך וועל איהן זען.

— ווען?

— שוין.

און נגינים׳לעך האָבן דאָ ניט קיין האַרמאָנישן אָפּקלאַנג. און בשעת הדחק איז אַפּילו ניטאָ אַ בערדעל צו באַדעקן די בושה פון פנים. און ניטאָ די פּיאות צו פאַרדעקן די שאַנד פון אויפגעדעקטע אויערן.

און צו די ענגלישע פאַרגליווערטע העזיות און מאַניערן אין אַ מהלך פון דורות..

אָבער צו וואָס די כאַראַקטעריזאַציע ? ווער קען דאָס ניט דעם איטשע מאיר טיפּ ? און וואָס פאַר אַ שיין פּנים ער האָט אין די „פרייע" מדינות ! וועלכער שרייבער און קריטיקער קען ניט הונדערטער פון זיי ? ס׳רוב פון אַלטן דור שרייבער און קריטיקער זיינען דאָך אַליין איטשע מאירס. און אַ יונגן דור האָבן מיר דאָך דערווייל נישט, אויסער איינצעלנע. וואָס דאַרפט איר גיין ווייט ? אָט נעמט „נאָ פּשיקלאַד" דעם שרייבער פון די ציילן ! כלפּי חוץ קען זיך אייך אויסדאַכטן אַז ער איז קיל, געלאַסן, און באַלאַנסירט. דאָך זאָל ער זיך נאָר אַביסעלע אויפּקאָכן לויפט ער באַלד איבער מיט אַ איטשע מאיר׳איסטעשער ענע־גיע, גענוג אַ גאַנץ חסידים שטיבל צו פאַרפּלייצן !

אָבער ווען איך האָב באַטראַכט איטשע מאיר׳ס ווייב, הגם זי קומט אויך פון אַ קליין שטעטל פון גרויס פּוילן דאָך איר אויסזען, שטימע, בליק און באַוועגונג זיינען געווען ווי געגאָסן פון איין שטיק ריינעם מעטאַל, קיינע קאָנפליקטן אין איר נשמה. אַזוי ווי זי וואָלט געווען איר אייגן מוטערלאַנד. אירע אויגן געווענדעט צום הימעל האָבן געלעבט בשלום מיט איר גוף פאַרבונדן מיט ערד.

און אַזוי ווי איך באַטראַכט דאָס אַלעס, רוימט מיר איין דער דימאַנטן שלייפער : „אָט זי, איז די אמת׳ע אשת־חיל ! יעדעס מאָל ער פאַלט אַריין אין אַ בלאָטע, שלעפּט זי אים אַרויס".

פרעג איך דעם שלייפער : „ווי עס זעט אויס ווייסט איר אַלע סודות טאָ קענט איר מיר ערקלערן פאַר וואָס עס גייט אים אייביק מיט דער פּוטער אַראָפּ ?"

„ גאַנץ איינפאַך" ענטפערט ער, „דער מענטש איז משוגע אויף צדקה טון. אַ ייד אַ טובה טון וואָלט ער געשפרונגען פון דאַך אַראָפּ. איז ער דאָך אָבער אַ שלימזל. ברעכט ער אייביק האַלדז און נאַקן !"

זיינע רייד ·זיינען מיר אין דער נאָז אַריין. און ניט לאַנג נאָך דער חתונה זיינען איטשע מאיר׳ס טשעקן צוריקגעקומען, מיט רויטע באַנקערישע באַמערקונגען, ווי אָפּגעשמיסענע... בקיצור ער האָט מיר אָנגעקנאַקט אויף 800 פונט. ואיטשע מאיר איננו !

עס איז פונקט געווען ערב ראש השנה ווען איך בין מיט מיין פאַרדרוס אַהין צו איטשע מאיר׳ס ווייב. דערציילט זי מיר אַזוי :

„די לעצטע חדשים פלעגט ער זיך יעדער נאַכט וואַרפן אויפן בעט און זיפצן און זיך שלאָגן על חטא. נאָר זי ווייסן דאָך ווי עס איז. געלעבט אין דער האָפנונג אַז ער וועט זיך ענדלעך אַרויסדרייען. נו זען זי דאָך ווי שיין ער האָט זיך אַרויסגעדרייט. יאָ, גאָר שיין ! מיך און די קינדער איבערגעלאָזט



אָן אַ פּעני און דאָ גיין די יום טובים און כ׳האָב גאָר ניט אין שטוב. שיין זיך אַרויסגעדרייט ! האַנטלאָפן פון לאַנד." זי שטיקט זיך אין טרערן. שיקט אַרויס די קינדער פון שטוב און רעדט ווייטער : „נאָר גלויבן זי מיר, איך וועל אַרביטן נאָך שווערער ווי מיין גאַנץ לעבן. וויסן זי אַז פון אים האָב איך קיין מאָל נישט איין פּעני גענומען. מיט דער נאָדעל און מיט מיינע צען פינגער האָב איך זיך אייביק דערנערט און אויפגעצויגן מיינע שיינע קינדער. זיי געבן אָן אָנשטענדיקע ערציונג און בילדונג, אַלע רעדן לשון קודש. גלויבן זי מיר, זי וועלן גאָרנישט פאַרלירן. איך וועל אָפּשפּורן פון ביסן, איך וועל וועלטן איינרייסן, און איהן וועל איך אָפּגעבן דעם חוב.

„אַזאַ זאַך אָפּצוטון איהן ! ניין דאָס וועל איך אים קיין מאָל נישט מוחל זיין." זאָג איך :

„נעמט אייך ניט אַזוי צום האַרצן. ער האָט דאָך דאָס געלט נישט פאַרשיכרט אָדער פאַרהולטייעט." זאָגט זי :

„וויפיל האָבן זי אין מיין מאַן פאַרדינט אין פאַרלויף פון דער צייט ווי האָבן מיט אים געהאַנדעלט ?" זאָג איך :

— געניו ווייס איך נים, נאָר מן הסתם אַ 400 פונט. זאָגט זי : „דאָס פאַרדינסט וועלן זי לייִדער מוזן פאַרלירן, ווייל מענטשן האָבן מיר שוין דערציילט אַז זיי האָבן איהן געוואָרנט. אָבער פאַר דעם קרן, דאָס הייסט פאַר די אַנדערע 400 פונט בין איך פאַראַנטוואָרטלעך."

איך בין אַוועק און ס׳האָט מיר זייער שטאַרק באַנג געטון דאָס וואָס צוליב מיינע געשעפטן מיט איטשע מאיר׳ן אָנצוליב דער חתונה בין איך נים געפאָרן צו דער גרויסער פייערונג : צו דער ערעפנונג פון העברעאישן יוניווערזיטעט אין ירושלים, וואָס איז געווען מיין גרויסער חלום בייצוזאַיינען.

ס׳גיין פאַרביי עטליכע וואָכן שיקט מיר די פרוי אַ מתנה : צוויי פאַר וואַלענע שקאַרפּעטקעס וואָס זי האָט אַליין אויסגעשטריקט פאַר מיר און זיי האָבן געוואָרעמט מיינע צוויי פרירענדע פעדעסטאַלן בעסער ווי הייסער וואַסער־פלאַשן. און טעג שפּינען זיך און חדשים וועבן זיך און ס׳ווערט פון זיי יאָרן אויסגעהאָפּטענע ווי די טעפּעכן און ס׳קומען נאָך בלוטיקע פייערדיקע יאָרן וואָס פאַרפּלייצן און פאַרברענען אַלע פּויריקע און אין איטשע מאיר׳ן און אין צוזאָג פון זיין פרוי האָב איך ווי אין גאַנצן פאַרגעסן.

און אַזוי ווי איך שלאָף אין דער ווייכער פּאַטער־שטול פון שיבֿחה וועקט מיך אויף דער טעלעפאָן און באַהעפט מיך מיטן קול פון דער פרוי וואָס איך האָב שוין נים געהערט אומגעפער אַ פינפטל יאָרהונדערט.

עס איז דאָס זעלבע קול נאָר איצט אָנשטאָט שטיקן זיך אין טרערן שטיקט עס זיך אין פרייד. אָבער עס שטופּט זיך דורך צייט און פרייד און דערגרייכט מיך.

— וואָס איז ?
— איך וועל איהן זען.
— ווען ?
— שוין.

און עס דויערט נים א פערטל שעה. זי איז דא.

זי האט זיך פארעלטערט אביסעלע. אבער וואס זי האט פארלוירן אין יו־גענד האט זי געוואונען אין רייפקייט.

„און זי שטייט פאר מיר ווי א גליק וואס שיקט זיך מיט א בשורה. און אירע אויגן שיינען ווי די זילבערנע קלימפערלעך. אויף דעם עץ־החיים און שמחת־תורה זי רעדט גאר נים נאר זי עפענט ס׳מויל פון א ווייס־לאקירענעם בייטעל און דער בייטעל לאכענדיק שאקעלט ארויס פון זיך לויזע 400 פונט. אויף א גרויסן טיש און דער גרויסער טיש ווערט פארפלייצט פון פונטן.

מיר האבן מורא די ווענט זאלן נישט פלאצן פון אינדזער דערלעבטער פרייד. כאפן מיר א טאקסי און מיר פארן אין א גארטן אריין, און מיר שפאצירן דארט ארום און ארום דעם טייך. וואס האט אויסגעזען ווי א זילבערן ווינבעל אין מיטן גן־עדן.

איך פרעג זי ווי אזוי זי האט זיך דערשלאגן צו אזא גרויסן לאקירענעם בייטעל מיט פונטן.

דערציילט זי מיר מיטן גרוים פוילישן, קליין שטעטלדיקן זיסן אקצענט אזוי:

„אין אנפאנג האב איך געארבעט טאג און נאכט, אבער מיין צוזאג צו איהן איז געווען מיין גרעסטער טרייבקראפט, מיין אינספיראציע. דערנאך האט גאט געהאלפן די קינדער זיינען אויסגעוואקסן האבן זיי מיר פיל צוגעהאלפן און מיר האבן פארדינט אויף א שיין בכבוד לעבן. קודם האב איך אפגעצאלט די ארימע מענטשן וואס מיין מאן איז שולדיק געבליבן. איהן האב איך געלאזט אויף נאר צום לעצט."

און מיר שמועסן און שמועסן און נאטירלעך קומען מיר אויף דער טעמע ׳נאציזם און נקמה׳.

און זי נעמט מיך א שטרים מיטן עלנבויגן גייענדיק פראווינצעל ראמאנטיש געארען. „גייען זי שוין! וואס רעדן זי פארע דומהייטן! יידישע נקמה! איך גלייב גאר נישט אז יידן האבן עס אין זיך. הערן זי א געשיכטע: ווען מיין מאן איז אנטלאפן האב איך אפגעשטעלט די טעגליכע יידישע צייטונג. ס׳קאסט נאר א פעני. אבער א זעקעל פאר א קינד איז וויכטיקער. האט א שכן מיר בע־בארגט זיין צייטונג. נאך עטליכע טעג זאגט ער. „אז ער קומט אהיים שפעט ביינאכט פון דער ארבייט און דאס איז די אייניציקע צייט ער האט אריינצוקוקן אין בלאט. טא קען ער מיר נישט מער בארגן די צייטונג".

האב איך זיך געטראכט „ווארט דו שלעכטער מענטש! איך וועל זיך שוין אין דיר נוקם זיין! ווייסן זי וואס איך האב געטון! — ווען עס האט מיר אנ־געפאנגען בעסער צו גיין און זיך געקויפט א הויז. האב איך אויסגעשריבן אן אמעריקאנער זשורנאל. ער קאסט א שילינג א נומער און איך גיב עס מיין שכן.

„ווען זי שוין, דאס הייסט יידישע נקמה?"

מיר האבן זיך שטארק צולאכט. דער טייך פול מיט קאטשקעס וואס האט אויסגעזען ווי מיין טיש פול מיט פונטן האבן אלע מיט אונדז מיטגעלאכט.



א נ שטענצל

## מאי

1

פון ביימלעך וואס דרייען זיך אויס צו דער זון,
דעם טרעשטש פון זייערע ביינדלעך כ׳פלעג הערן;
ס׳אויסקנאקן פון מיינע פינגער. פארבענקטע,
צעקנאספעטע צווייגלעך פלעגן ווערן.

בין איך אזא ביימל, א יונגס, געוועזן,
מיט זיי אין זון־פארטיי מיך צו ניגן.
פארוואס פיל איך נישט איצט די שטילקייט פון דעמב,
ווען ער טראגט די זון אויף זיינע צווייגן?

2

אז כ׳הער אין די נעכט ס׳געטשריי פון דער סאווע,
פארוואס נייסט דאס געטשוויטש אין באגינען?
נאר ווי קומט א סאווע נאר פאר מיין פענסטער.
האט זי זיך נישט באוועגט אין מיר דרינען?

בלייב איך זיצן ביי טאג מיט א פארמאכט אויג,
קוקנדיק מיט אזא שרעקלעך שווייגן —
ווי פאר פענסטער פון א חולה־מסוכן,
א סאווע פארשטעקטע צווישן די צווייגן.

3

וויאזוי די בלויקייט פון הימל דערזען,
אז מיטן רויך פול נאך מיינע אויגן?
און מיט די אש־שטייבן פון די פארטיילטע —
מיט זוימען־שטויב די לופט אין צעפליגן?

א, ס׳איז די סאווע אהער דא געפלאטערט,
שייטערט פארקוילטע דארטן די שטאטן!
און דאס געטשוויטש פון פייגל אין זון־פארטיי —
קינדער געווארפענע אין די פלאמען.

## א מאל...

אז איך האב אויפגעהויבן די אויגן,
האב איך א בלויען תכלת־הימעל געזען,
און ווי מיין מאמן, א פארטיפטן אין גלויבן,
איז עס אין מיין אומעטיקן הארץ געווען.

קיין געשטאלט, קיין בילד־פארגלייך, אן־סופיק — —
כ׳בין געווען א טראפעלע אינם בלוי!
און מיטן זון אויפגאנג און אונטערגאנג
איז עס אין מיין הארץ געווארן רויט אזוי —

ווי דורך ארטעריעס און וועגעס מיט מיין בלוט,
מיטן ברויזנדיקן ארום ס׳איז געשען!
און פון יעדן בוים און פויגל און ווינט
כ׳בין דער איינגעפלאטערטער שאטן געווען.

און אצינד, אז איך הויב די אויגן אויף,
אלצדינג אינם ארום, בילד נאר און געשטאלט — —
פון שטיין אויסגעהאקט ס׳שטייט שטייף אין מיין בליק,
און מיין הארץ פארקלעמט ווי אין א פעלדזן־שפאלט.

פאר אונזער בלוטיקן בראך איך שטיי,
פאר א געצן־בילד אן אנגעפארבטס אויף רויט!
א, וואלט איך זיי ווידער מיינע בליקן,
איינהייבן געקענט, אין־סופיק און פארטרויט:

קיין געשטאלטן, קיין בילדער פארגלייכן — —
געווארן ווידער א טראפן פונם בלוט,
וואס קרייזט גלייביק דעם ערד־קיילעך ארום,
ביז דאס הארץ פונם מענטש געלייטערט און גוט.

## נישט פון די פופציק פרילינגס

נישט פון די פופציק פרילינגס די בליטן
שיטן זיך פון צווייגן אויף מיר אראפ,
עס איז דער אש־שטויב, וואס הויבט זיך גרוי אויף,
איבער מיין טרויעריק געבויגענעם קאפ.

און אין מיינע אויגן דאס אויפפלאמען,
און דאס בלוי־איבערלאפענע אין זיי,
ס׳איז נישט יענע זאטע זיכערע פרייד,
פון א פריש־דערלעבטן פופציקסטן מאי —



אונטערן אש שייטער-פלאמען פונקען
טליען נאך דארט איידער זיי גייען אוים!
א, אז איך האב דערלעבט די־א יארן,
צו באהאלטן נאך לעצטע פונקען בלויז — —

ווי טליענדיק גליענדיק איך שפיר זיי,
ביז טיף אין מיינע געהירן אריין,
און איבער מיין רוקן דעם ציטער שוין,
פון א צאנקנדיק צאפלדיק אויסגיין.

## צו מיין יובל

פופציק יאר און מען לעבט נאך אלץ
און מען טראגט נישט קיין שטריק אויפן האלדז,
מוז מען שטיל זיין און אלצדינג פארגעבן —
ווארים מיטשולדיקער מ׳איז שוין אין לעבן.

פופציק יאר און מען עסט נאך אלץ
ס׳רעפטל ברויט צומאל געטונקט אין זאלץ,
איז מען פונם שלעכטעסטן נישט בעסער —
אונטער דער פאכווע מ׳באהאלט נאר דאס מעסער.

פופציק יאר און מען האט נאך אלץ
ס׳הארץ פאר אלעמען אן איינגעפראלטס,
וועט מען שוין א סך עלטער נישט ווערן —
ס׳שטיקל טרייסט נאך אין א וועלטל וואלגערן.

פופציק יאר און מען ווייסט שוין אלץ,
אין לעבן ס׳ווילט זיך אויף יעדן פאלס,
מיט פעסטער פויסט, מיט פארטראכטע טעזן —
די פופציק יאר צומאל א שאר געווען.

# צוויי לידער

1 י״א בעומר (עפיטאף)
זייער לעצטן שמע ישראל
ס׳האט יעטווועדער ייד געהערט;
וואס ווידוי און וואס קריש
פאר דעם וואס אומשטערבלעך ווערט?

בר כוכבא צי בר כוזבא.
וואָס איז דען דער אונטערשיד ?
דער געהענגטער בלייבט זיגער,
ניִשט תליון וואָס שטריק פארציט —

מיט ווידוי אויף די ליפן
בלייבט ער ליגן אויף די קני,
און ס'קלאפּט „על חטא" זיך די האַנט,
געמאַכט דעם פּעטלע־פּאַרצי — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

זייער לעצטן שמע ישראל
ס'האָט יעטוועדער ייד געהערט !
און קדיש נאָך קדושים
צוזאָגן, ווער איז דען ווערט ?

2 צו דער פערטער יאָרצייט פונם „געטאָ־אויפשטאַנד"

פאַר די פרומע דער געהייליקטער סוד,
ס'ביסל לעבן דערפאַר אוועקצוגעבן,
און פאַר די פרייע, אונטערערדישע,
די פרייד פון קאַמף אויף טויט און אויף לעבן.

אַז אויף אַלעמען צוזאַמען עס וואַרט,
פון שייטער־איוֹון דאָס צעפלאַמטע פייער, —
אַ הבלדיקער בראַנדאָפּער אויפצוגיין ! —
וואָס איז פרומער דעמילט און וואָס איז פרייער ?

אויף ריכטיקע"רגע נאָר זיי וואַרטן,
טויזנטער אויף גאַטס באַראָט נאָך געבליבן,
אַז גבֿורימדיק מיט זיי מיט אויפגייט,
מיליאָנען ווי שאָף צו שחיטה געטריבן.

און איינעם פלאַם אויפצוגיין אַזוי,
וואָס איז טויט דעמלט, וואָס איז פּאַרטיליקן — — —
דורך אַלעמענס הערצער ווי דורך איינעם,
דער בלוט־לויף אײַלט מיט הייליק באַוויליקן.





## הער זיך איין ענגלאַנד!

ענגלאַנד ! — דאָס לאַנד פון לאָרדן און סאָציאַליסטן ; פון רייכע און אָרעמע ; פון דעמאָקראַטן און פאַשיסטן ; פון בייבל־גלייביקע און פריידענקערדיקע ; דו, ענגלישער מענטש ; דו, באַוואוינער פון די בריטישע אינזלען, הער זיך צו ! — עס רעדט צו דיר אַ ייד, איינער פון יענע טויזנטער יידן, וואָס שטייען ווייט פון פּאַרטייאישן לעבן, וואָס האַסן פּאָליטיק און צביעות און פאַרשטייען ניִשט קיין פאַרנעפּלטע שפּראַך און סתירהדיקע מעשים.

ענגלאַנד ! — עס שרייט און רופט צו דיר אַ פאַרבאַרגענע אומבאַקאַנטע שטים, ניִשט וויכטיק ווער זי איז און ווי זי הייסט. עס קען זיין אַז זי האָט אַ נאָמען, אָדער האָט נאָר קיין נאָמען ניִשט ; עס איז אַ שטים פון דעם געריודפטן און געפּייניקטן יידישן פאָלק !

ענגלאַנד ! — איך בין איינער פון די טויזנטער וואַנדערנדיקע יידן, וועלכער האָט אויף זיין נדודים־וועג זיך פאַראַנקערט אויף אַ ווײַלע ביי דיר אין לאַנד. וואָלט איך ניִשט געווען דאָ היינט, וואָלט איך מסתמא געווען היינט צווישן די מיליאָנען יידן דאָרט אין פּוילן. . . . איך גלייב, אַז איך בין דיר שולדיג אַ חוב, אַ דאַנק פאַר דיין חסד, אָדער ניין, איך גלייב ניִשט, אַז איין מענטש לעבט אין חסד פון צווייטן. . דו ענגלאַנד האָסט מער ניִשט ווי געטאָן דיין הומאַניטאַרע פליכט און פאַר נאַטירלעכקייטן, פאַר פליכטן דאַנקט מען ניִשט ; אָט ווי עס קומט מיר ניִשט קיין דאַנק ווען איך טו מיין פליכט צום לאַנד. . . .

ענגלאַנד ! — איך וויל זיין אָפנהערציק און אַדורכשמועסן זיך מיט דיר געמיטלעך אין אויפריכטיק. איך וויל ניִשט באַהאַלטן קיין זאַך פון דיר און וועל אַלץ אָנרופן ביים נאָמען. איך וויל מיט דיר ריידן וועגן טעראָריסטן און באַמבעס ; וועגן יידישן מאַרטירערטום און וועגן דיינע שווערע טעג. הגם איך ווייס ניִשט צי דו וועסט דערהערן מיינע דאָזיקע ווערטער. מעגלעך, אַז מען וועט זיי דיר דערטראָגן, און אפשר ניִשט. — אַלענפאַלס וועל איך זיי אַרויסזאָגן.

ענגלאַנד ! — צו וואָס זאָל איך באַהאַלטן פון דיר ; דו ווייסט גוט מיין, און אַנדערנס, מיינונג און שטעלונג. איך ווייס, אַז אימעצער פון דיינע, האָט אַמאָל (1942) געלייענט מיין אַ בראַשור, וואו איך שרייב : „פאַרוואָס שווייגט איר, איר רעגירונגען ? ווער דאַרף אייערע שבועות אויף נאָך דער מלחמה ? וואָרנט דאָס דייטשע פאָלק, אַז זיי זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מערדערייען אויף די יידן און נעמט נקמה אין זייערע שטעט און דערפאַר ! אויב איר וועט דאָס ניִשט טון וועלן דאָס טון די שלום שוואַרצבאַרדס, די הערשל גרינשפּאַנס, די שלמה בן יוספ'ס ; די גואלי הדם און מרי נפש ! ניִשט פאַר אונז

װעלן זיין אייערע שלום׳ס! פאר װעמען פאר די בית־עולם׳ס? זאל די שחיטה אנגיין אייביק! מיר װעלן אייך פארשטערן אייערע שמחות און פייערונגען.. קיין זאך װעט די גואלי הדם און די מרי נפש נישט אפהאלטן — נישט קיין תפיסות און נישט קיין תליות....!"

ענגלאנד! — אויב איך װעל דיר זאגן, אז די תליות אין ארץ ישראל ארט מיר נישט, און אז איך בין גלייכגילטיק צום גורל פון אונזער יונגנט דארט, — זאלסטו מיר נישט גלייבן! אודאי זעצט אין מיין הארץ א שטארקער פארדרוס! עס פראטעסטירט אין מיר. חלמאי, יונגע יידישע קינדער װערן פארשניטן פאר דער צייט!? אט פונקט אזוי װי עס פארדריסט דיך, װען מען פארגיסט דיין בלוט....

ענגלאנד! — דו װעסט געװיס פרעגן, פארװאס איך בין יעצט ארויסגעקומען מיט מיין פראטעסט, װען מען הענגט יידישע קינדער און נישט פריער װען די זעלבע האבן געריסן בריקן און געװארפן באמבעס..? טא זאג איך דיר, אז איך האב נישט געמיינט צו „פארשטערן דיר דיינע שמחות“, מיט רייסן דיינע בריקן.... איך האב נישט געשפירט צו דיר קיין שום האס, שוין פשוט דערפאר, װייל מיין הארץ איז געװען אזוי איבערפולט מיט האס און שנאה צו די מערדערישע דייטשן, אז עס איז נישט געװען קיין פלאץ פאר אימעצן אנדערש.... איך האב נאך פריער געשריבן און געזאגט און פראטעסטירט... איך האב זיך אנדערש פארגעשטעלט און געמיינט... אבער די יעצטיקע תליות לאזן מיר נישט שװייגן, װייל גענוג תליות האבן מיר געהאט און צופיל בלוט פארלארן....

ענגלאנד! — עס ארט מיך פאר די דאזיקע יונגעלייט, װייל איך װייס און שפיר, אז זיי זיינען נישט די שולדיקע! זיי זיינען דאך דיינע געװעזענע סאלדאטן. דו האסט דאך זיי געלערנט װי סאבאטירן און טעראריזירן דעם געמיינזאמען שונא, דייטשלאנד, און האבן זיך טאקע גוט אויסגעצייכנט. — דיינע אייגענע צייטונגען זאגן דאס (סטאר 25 אפריל 47). טא װי קומט עס, װאס זיי נוצן די זעלבע קאמפס־מיטלען קעגן דיר? — פארװאס האט דאס אזוי געמוזט געשען? עס האט דאך געמוזט זיין א סיבה?..

ענגלאנד! — מיין נישט, אז איך זוך נאר דיין שולד און האב נאר צו דיר תרעומות? — דאס זעלבע פרעג איך אויך מיינע יידישע פירער פארװאס האבן זיי צוגעפירט צו אזא לאגע? מיינע תענות צו זיי איז נאך פיל מער און שטארקער װי צו דיר ענגלאנד.

ענגלאנד! — דא נישט לאנג (20 אפריל) בין איך געװען אויף א „מיטינג“ פון דיינע יידישע „עקס־סערװיסמען“. א יידישער לייטענאנט פון דיין ים־פלאט האט גערעדט װעגן ארץ ישראל און די תליות. האט איינער פון דיין ענגלישער משפחה צוגערופן צו דעם העלדיש אויסגעצייכנטן יידישן לייטענאנט, אז מען דארף אים שיקן אין א „קאנצענטראציע לאגער“. א צװייטער האט געשריגן, אז מען דארף אין ארץ ישראל אריינשיקן די דייטשישע



ארמעע. א דריטער האט געזאגט, אז מיר יידן האבן געקריצט יעזוסן, און טוישן טשעקס.... עס זיינען דארט געװען פיל פון דיינע ענגלענדער, און דערנעבן האט א גלח מיט אן איבערגעדרייטן קאלנער „געפריטשט“ יעזוסעס ליבע.. אבער קיין איינער האט זיך נישט אנגערופן מיט א גוט װארט װעגן יידן; איך בין אנטלאפן פון דארט װי פון א פעסט. איך האב מער נישט געקענט אויסהאלטן; װייל פאר מיינע אויגן האבן אנגעהויבן לויפן בילדער. װי די „דייטשישע ארמיי“, י״ש, ברענט און שעכט אונזערע טאטעס און מאמעס, אונזערע שװעסטער און ברידער: װי זיי װארפן קליינע לעבעדיקע יידישע קינדער־אין גריבער און אין קרעמאטאריומס. און דא שטייען נאך מענטשן װאס רופן זיך ענגלענדער און פאטשן בראװא.... איך בין אנטלאפן, װייל איך האב מורא געהאט עפעס זאל נישט פאסירן.... א קרעמאטאריום האט געברענט אין מיר....

ענגלאנד! — דו האסט נישט פארזוכט דעם טעם פון א קרעמאטאריום און פון א גאז קאמער; מען האט פאר דיינע אויגן נישט געשאכטן דיינע קינדער! דו װייסט גארנישט װי עס טוט װיי און װי עס איטערט בלויז נאר טראכטנדיק פון דעם און בפרט נאך אז א קילטורעלער ענגלענדער זאגט נאך, „עס איז גוט אזוי.“ און טאקע דערפאר אנטלויפן אונזערע פארבליבענע יונגעלייט פון פוילן, פון ליטע, פון אונגארן, פון טשעכן, פון רומעניע, פון גאנץ אייראפע לויפן זיי; װייל דיינע חברים קריסטן זאגן דארט אויך די זעלבע און גלאריפיצירן היטלערס שחיטות אויף אונז! זיי אנטלויפן פון דארט װי פון א פעסט און װילן זיין צװישן יידן, כדי נישט צו הערן מער פון „דייטשע ארמעע“ א.א.װ. און דערפאר צערענען אזוי אונזערע יונגעלייט אין ארץ ישראל װייל אויך דיינע סאלדאטן דארט, דערמאנען די יידן די גאז־קאמערן און קרעמאטאריומס....!

ענגלאנד! — זיי, די ארץ ישראלדיקע יונגעלייט זיינען נישט קיין טעראריסטן, און נישט קיין געװאלד־מענטשן; זיי זיינען די פיינסטע און ערנסט־לעבסטע װאס מיר פארמאגן! זיי קעמפן אזוי פארביטערט, װייל זיי זיינען געװארן אפגענארט פון זייערע פירער, ענטטוישט אין דיר ענגלאנד, און פארלאזן פון דער גאנצער װעלט.... זיי קעמפן אזוי פארביטערט, װייל זיי גלייבן שטארק; זיי גלייבן, אז דאס איז זייער איינציקע רעטונג. איך קען נישט קעמפן אזוי, װייל איך בין קאלט, איך גלויב נישט, אז מען װעט אונז אפילו צורולאזן אין ארץ ישראל.... איך געהער נישט צו מיר, נאר צו א פאמיליע מיט א פרוי און קינדער.. — זיי האבן דאס אויך נישט.. זיי זיינען מפקיר זייערע לעבנס און קיינער קען זיי קיין דעה נישט זאגן; זיי װעלן סיי װי סיי קיינעם נישט פאלגן. אפילו זייערע אייגענע עלטערן (פארא אזעלכע) קענען זיי נישט אפהאלטן פון טויט; און װעלכע טאטע־מאמע, װיל דאס זען זייער קינד אויף דער תליה....?

ענגלאנד! — אויך דו װעסט זיי נישט קיין עצה געבן! און די תליות

וועלן נעווים נישט העלפן! מענטשן אזעלכע וואָס האָבן נישט קיין מורא פאַרן טויט, קען מען קיינמאָל ניט באַזיגן..! סיידן דו וועסט אויפשטעלן תליות פאַר אַלע יידישע קינדער אין ארץ ישראל... און אין רעזולטאַט וועסטו דאַרפן אויך הענגען די אַלטע לייט.. — איך בין זיכער אַז דו וועסט דאָס נישט טאָן.

ענגלאַנד! — איך לערן מיינע קינדער צו זיין ערלעכע יידן און אָרענטלעכע בירגער פון לאַנד. אָבער ווען מיינע קינדער פרעגן מיר: טאַטע, וואו איז אונזער זיידע און באָבע? האָסטו אַמאָל געהאַט אַ טאַטן, אַ מאַמען, אַ שוועסטער..? — זאָג איך זיי, אַז מיין טאַטע און מאַמע און שוועסטער זיינען גע׳הרגט געוואָרן פון די „ליבע קריסטלעכע דייטשן". מיינע עלטערן און שוועסטער, זאָג איך זיי, האָבן אַליין געדאַרפט נאָך גראָבן זייערע קברים און זיינען נאָך אפשר פאַרשאָטן געוואָרן לעבעדיקערהייט.... מיינע קינדער בייזן זייערע פויסטלעך אין צאָרן און זאָגן: טאַטע, אַז מיר וועלן גרויס ווערן, וועלן מיר נקמה נעמען אין די רוצחישע דייטשן! המם, כ׳ווייס, דו ענגלאַנד, וועסט זאָגן, עס איז נישט שיין אַזוי צו לערנען. יאָ, אַלענפאַלס, איז דאָס נישט ערגער פון דיין לערע; וואָס דו לערנסט דיינע קינדער, אַז יידן האָבן געקרייצט יעזוסען דיין „גאָט". און דערפאַר מעג מען טאָן מיט די „זינדיקע" יידן וואָס מען וויל... און האָסט נאָך פון דער דאָזיקער „שיטה" אַ רעליגיע אויסגעבויט....

ענגלאַנד! — מיט מיין גאַנצער ערנסטקייט פון מיין האַרץ זאָג איך צו דיר: דערהויב זיך פון דער שפלות, און באַגיי נישט קיין אומרעכט, טו אונז נישט קיין עוולות — איך וואָלט זייער נישט געוואָלט צו האָבן אויך צו דערציילן מיינע קינדער, שלעכטע זאַכן וועגן דיר.....

ענגלאַנד! — פאַר אַלעמען האָסטו אַ גוט וואָרט: פאַרן אַראַבער, פאַרן אינדיער, פאַרן נריך, פאַר אַלעמען אָבער נישט פאַר אונז. פאַרוואָס? דו האָסט פאַרגאָסן דיין בלוט פאַרן עגיפּטיאַנער, פאַרן אַראַבער, פאַר אינדיע און יעצט מוזטו נאָך צאָלן זוי פיל מיליאָנען פונטן מלחמה־חובות. און מיר וואָס האָבן אַזוי העלדיש געהאָלפן דיר און געליטן מער פון אַלעמען — וואָס ווילן מיר פון דיר? — גאָרנישט! מער נישט, אַ ביסעלע פאַרשטענדעניש!

ענגלאַנד! — דאָ האָסט ברייט געעפנט דיינע טויערן פון לאַנד, פאַרן פּאָלאַק, פאַרן אוקראַינער, פאַר די באַלטישע א.א. הגם, איך בין מער ווי זיכער, אַז די דאָזיקע אוקראַינער און ליטווינער, האָבן געהאָלפן די דייטשן, אויך אין מאָרדן און שעכטן די יידן! און אַ יידישן אומגליקלעכן יונגנמאַן, וואָס האָט פאַרלאָרן זיין פאַמיליע, זיין היים, אַלעס, לאָזטו נישט אַריין אין לאַנד (סטאַר, 29 אַפּריל, 47)... אַזעלכע אומגליקלעכע יידן זיינען דאָ אין די טויזנטער, וועלכע שרייען, בעטן זיך: מיר ווילן נישט זיצן אין די לאַגערן אין דער „ארץ חרמים", דייטשלאַנד! זיי ווילן האָבן אַ שטיקל מקום מנוחה ערגעץ וואו: אַבי נישט אין דייטשלאַנד. און קיינער הערט זיי נישט.. פאַרוואָס קען איך נישט העלפן זיי? זיי וויינען דאָך אין זייערע בריוו צו מיר.. — יאָ, אין דעם פּרט



באַשולדיק איך אויך אונזערע יידישע פּאָליטיקער; זיי האָנדלען אויך נישט ערלעך....!

ענגלאַנד! — הער אויף צו זאָגן אונז מוסר און זוכן אויף אונז חטאים! נישט מיר האַלטן אָפּ די דערליידיגונג פון דער וועלט — נאָר די קריסטן אַליין! וואָלסטו געליטן אַזוי פיל ווי מיר, וואָלסטו נאָך פיל ערגער געווען פון אונז! און אויב עס געפינט זיך ביי אונז אַ שווינדלער, אַ „טשעקן־טוישער"—אַזעלכע פאַרמאָגסטו נאָך מער פון אונז.. — טאָ, איז אויף דעם פאַראַן פּאָליציי און געריכטן! שטראָף אים, און דווקא האַרב, איך בין מסכים מיט דיר. אָבער קיין טויט שטראָף קומט דאָך אים נישט.... אַלענפאַלס, איז ער דאָך נישט ערגער פון די „אָרעמע" דייטשלעך, די קינדער־מערדער, פאַר וועלכע „פרומע" קריסטן בעטן ליבע, החמנות און פאַרגעבונג...? איז דאָס גערעכטיקייט...?!

ענגלאַנד! — זאָל דאָ אָפּן געזאָגט ווערן! — אויב מיר האָבן אַמאָל פאַרמישפּט אַ ייד (יעזוס) צום טויט (געקרייצט האָבן אים די רוימער) איז דאָס געווען אונזער עסק און מיר האָבן רעכט געהאַט, אַט פונקט ווי די קריסטלעכע קירכע האָט רעכט געהאַט צו קעפּן פיל געלערנטע פאַר זייער אפּיקורסיש.... מיר מעגן אַמאָל אויך הרג׳נען אַ ייד..! נאָר די קריסטן דאַרפן האָבן דעם מאָנאָפּאָל צו שעכטן יידן..? און ווידער, אויב קריסטן האָבן אַזוי פיינט יידן, ט׳פאַרוואָס קושן זיי אַ „גאָט" מיט יידיש בלוט...? זינט איר האָט אָנגעהויבן פרעדיקן „יעזוס־ליבע" פאַרגיסט איר נאָך מער בלוט! אַ פּראָטעסטאַנט האָט פיינט אַ קאַטאָליק און אַ קאַטאָליק וואָלט דערשטאָכן אַ פּראָטעסטאַנט! און ביידע זיינען זיך נישט משדך איינער מיטן אַנדערן.... טאָ אדרבא, וואו איז אייער ליבע? וואו איז אייער מענטשלעכקייט? און ווער מאַכט חרוב דער וועלט?! — ניין! נישט איר האָט דאָס רעכט צו זאָגן אונז מוסר און צו שטראָפן!!!!

ענגלאַנד! — דיינער אַ דיפּלאָמאַט (אין קאַנאַדע), האָט געזאָגט, אַז די אַטאָם־באָמבע קען נישט אומברענגען דאָס ענגלישע פאָלק. די אַטאָם־באָמבע קען אפשר צושטערן דעם בריטישן אינזל, אָבער נישט די ענגלענדער; ווייל דאָס ענגלישע פאָלק איז צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט! דאָס זעלבע זאָגן מיר אויך: קיין רשע אין דער וועלט איז נישט בכוח אומצוברענגען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק! דייטשלאַנד האָט אומגעבראַכט דאָס אייראָפּעאישע יידנטום — עס לעבן נאָך ב״ה מיליאָנען יידן אין אַנדערע לענדער אין דער וועלט, וואָס וועלן זען, אַז דאָס בלוטיקע דייטשלאַנד, זאָל איר פּסק און שטראָף באַקומען!!!

ענגלאַנד! — דו בינסט דאָס זעלבע גלות־פאָלק ווי מיר יידן, מיר טרעפן זיך אין אַלע לענדער; דו דאַרפסט אונז און מיר דאַרפן דיר. מיר ווילן לעבן בשלום מיט דיר. דאָס זיינען אונזערע אמתדיקע ווערטער....!

ענגלאַנד! — הער אויף צו זוכן „טעראָריסטן" און „באָמבעס" אונטער די בעטן... אין דיינע הענט ליגט דער גורל פון ארץ ישראל..! דו קענסט דעם שלום אין ארץ ישראל צוריקשטעלן! ריין נישט די פאַרביטערטע יונגע

יידן! רעד צו זיי ערלעך און אמתדיק! באַווייז מיט מעשים צו געווינען זייער צוטרוי און גלויבן! די דאָזיקע מסירת-נפשדיקע יונגעלייט, וועלן דאַן זיכער זיין די פירער פון יידישן ישוב אין ארץ ישראל — דאָס איז רעאַליזם. . . .

ענגלאַנד! — מיר ווילן נישט רייסן דיינע בריקן און „פאַרשטערן דיינע שמחות“! אָבער הער אונז אויף צו רייצן מיט דער „ריטשישער אַרמיי“, מיט „קאָנצענטראַציע לאַגערן“! — ווייל דאַן גייען מיר אַרויס פון די כלים; דאַן ווערן מיר ווילד און שטאַרק. . . . און מיר זיינען בכוח, ווי שמשון הגבור, אַנצוצינדן דער וועלט פאַר די פּלופּעס — און זאָל זי קראַכן מיט אַלץ און אַנאַנדער. . . . !!!

## ווי אַזוי דער דיכטער שטענצל לערנט ענגליש

כדי זיך גוט אויסצולערנען ענגליש, האָט דער דיכטער שטענצל באַשלאָסן צו פאָרן אין אַ פּראָווינץ שטעטל וואו ס'קומט קיין מאָל נישט קיין ייד, און האָט אָנגעזאָגט זיינע פריינט, אַז פאַר 6 חדשים טאָרן זיי אים נישט באַזוכן, כדי זיין ענגלישן אַקצענט נישט צו שאַדן.

נאָך 6 חודשים ווען זיינע פריינט זיינען געקומען אים באַזוכן, זיינען זיי געוואַלדיק איבעראַשט געוואָרן — אַלע איינוואוינער פון שטעטל האָבן שוין גוט גערעדט יידיש, אָבער שטענצל האָט נאָך נישט געקענט קיין ענגליש...

(פון לאָנדאָנער פאָלקלאָר)

סעם פעלטן

„די צייט“

געגרינדעט אין 1913 פון מאָררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג אין ענגלאַנד, (בשעת דער מלחמה — די איינציקע אין אייראָפּע.)

אילוסטרירטער טעאַטער שפּיגל

חודש-זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון „פאָלקס-הויז“ (בית-עם) און פון נייע-אידיש-טעאַטער אין לאָנדאָן.

אין יעדן נומער דערשיינען אַקטועלע אַרטיקלען און ידיעות, וואָס זענען נוגע דעם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן און אַנדערע לענדער.

פּרייז פון 1 נומער: 1 שילינג

אַדרעס:—

"THEATRE MIRROR"
Adler Street, London, E.1
England.

Telephone: — BIS 1320.



נחום שטענצל

# פאַרדאַרבענע „יידישע קישקעס“

(אַ פּאָר ווערטער מן־הצד)

„אַ יידישע קישקע קען מען נישט אָפּשאַצן“ — זאָגט אַ יידיש פאָלקס-וואָרט. אין דער אמת'ן איז דאָס נישט בלויז סתם אַ ווערטל; יידישע וויסנשאַפטלער האָבן באַוויזן, בראַיות ברורות, אַז דאָס שוואַכסטע, ביי אַ יידן, צו אַסימילירן איז די קישקע זיינע. ווען ס'גליקט שוין אַ יידישן אַסימילאַנט זיך כמעט פולשטענדיק צו אַסימילירן — זיין לשון, זיינע מאַניערן, זיין פּרצוף, יבדומה — בלייבט נאָך אַלץ איבער זיין עקשנותדיקער מאָגן, די „טייערע“.. יידישע קישקע, וואָס מאָנט ביי אים אַביסל געשמאַקע לאָקשן מיט יויך, געהאַקטע לעבער מיט ציבעלעס, ברוין ברויט, חלה, און אַנדערע גוטע יידישע מאַכלים.

* * *

אַזוי טייטשן די יידיש־וויסנשאַפטליכע מפרשים; ביי זיי, די טרוקן־זאַכלעכע מענטשן, איז אַלצדינג „פשוט כמשמעו“ — נישט פאַרהאַנען קיין דרש. אָבער, דווקא דער פּשוטער מענטש, האָט ליב אַביסל פילאָזאָפיע, אָדער בעסער געזאָגט, אַביסעלע פילאָזאָפירן. . . . ער האָט, בטבע, ממש פיינט דאָס טרוקענע און לעכצט תמיד נאָך דעם לחלוחית'דיקן. . . .

דערפאַר לייגן מיר אַריין אַ טיפערן זין, אַ פילאָזאָפישן, אין דעם אייבערמאָנטן יידישן פאָלקס־ווערטל. אַ „יידישע קישקע“, פאַר אונז מיינט: דאָס „אינעווענדיקסטע פונם אינעווענדיקסטן“, די נשמה, דעם מענטשנס געווירן, דער ניצוץ זיינער, — וועלכער בעת אַ סכנה, אין דער לעצטער ענטשיידענער רגע, איז מכריע זיין האַנדלונג, אַזוי אָדער אַזוי.

פון אַ טיפן גלויבן אַזאַ, פונם פאָלק, אין דער טיף־פאַרוואָרצלטער געטריישאַפט פון זיינע זין און טעכטער, וואָס מוז קומען צום אויסדרוק אין דער לעצטער, ענטשיידענדער רגע פון אחריות פאַר דער אומה — פון אָט דעם אַרויס איז געבוירן געוואָרן דאָס קינדליך גלויביקע, פאָלקלוטיק־הומאָריסטישע, "פאָלקס-ווערטל: „אַ יידישע קישקע קען מען נישט אָפּשאַצן“.

* * *

און האָט דער גאַנג פון דער געשיכטע אין די לעצטע טויזנטער יאָר, מיטן אויפ־און אונטער־גאַנג פון גרויסע און מעכטיקע פעלקער — אויף זייער אייגענער טעריטאָריע — נישט באַרעכטיקט אָט דעם שטאַרקן יידישן בטחון אין דער פּאַטענץ פונם פאָלק און אין דער געטריישאַפט פון דעם יידישן יחיד צו זיין פאָלק.

האָבן מיר נישט באַוויזן, מיט אונזער עקשנות'דיקן אויסדויער און קיום, אונטער בלוטיקע אומשטענדן, אַז מיר זענען נישט בלויז אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער גלייך, נאָר טאַקע, אַן עם הנבחר! אַ פאָלק, אַזוינס און אַזאַנס. . . . אַז „וואָס מיר זיינען, זיינען מיר, אָבער יידן זיינען מיר“! אַז, וואו אין צווישן וועלכע פעלקער מיר זאָלן נישט וואוינען, דערהאַלטן מיר דאָך אַ פאַרבינדונג

—ווי דין דער פארעם זאל נישט זיין — מיטן יידישן לאקאלן ציבור, בפרט, און מיטן יידיש וועלט־כלל, בכלל.

* * *

אין דער לעצטער צייט איז אין אונזערע רייען, אויסגעוואקסן א כת פון „מארערנע", אדער „פאליטישע" אפטריניקעס פונם יידישן פאלק, וואס לייקענען בכלל אין דער קאנצעפציע, אז עס איז פארהאנען אזא זאך ווי א יידיש פאלק; דאס איז פשוט פאר זיי א דאגמא, א „חוק ולא יעבור", וואס בארארף קיין שום פירוש נישט.... די דאזיקע גרופע מענטשן געפינען מיר אויף ביידע זייטן — אויף רעכטס און אויף לינקס.... מילא, די אויף דער רעכטער זייט טענהן כאזשעק אז זיי זענען „אזעלכע בירגער פונם יידישן גלויבן" — אבער, די פון דעם לינקן צד, איז באמת שווער צו פארשטיין אין וואס עס באשטייט זייער יידישקייט, בשעת זיי זענען „כופרים בעיקר"....

עס מוז אפן געזאגט ווערן אז די יידן, סיי פון רעכטס, סיי פון לינקס, וואס לייקענען אין דער עקזיסטענץ פונם יידישן פאלק זיינען א סכנה פאר אונז — ווייל זיי, די מארערנע אפטריניקעס, ווילן אלע דאס יידישע פאלק, פארקויפן אדער פארשענקען! מאנכע צוליב א „נזיד ערשים"; מאנכע צוליב פאטריאטישקייט; און מאנכע פאר אן אידעאל! ביי זיי אלעמען איז דער מאגן שטארק פארדארבן — טאקע די יידישע קישקע — און עס איז פאר די, וועלכע האבן נאך נישט די „אמתע מעשה" ר"ל, נאך פארהאנען א תרופה — זיך צו לאזן אויסרייניקן דעם פארדארבענעם מאגן מיט א שטארקן מיטל....

ווייל דאס יידישע פאלק עקזיסטירט און וועט עקזיסטירן און עס וועט קיינמאל זיין אידענטיטעט נישט פארקויפן, נישט פאר יענעמס נאציאנאליזם, און אויך נישט פאר אינטערנאציאנאליזם!

דערווייל איז נאך אינטערנאציאנאליזם א באגריף פון פעדערירטע קאאפערירנדיקע פעלקער; מוזן מיר דאך, לכל הפחות זיין א פאלק, בכדי צו האבן, בכלל, עפעס צו פארקויפן.... אדער, וואס עס איז אסך ווירדיקער, — אריינצילייגן אין קאן אריין!

* * *

היינט ווען אונזער גאנצער וייטערדיקער גורל איז אין קאן, ווען די אומות העולם, אלע בענעזאמען, די „גוטע" מיט די „שלעכטע" זענען גרייט אונז צו פארקויפן, איינער צום צווייטן, פאר וועניקער ווי א נזיד־ערשים, מוזן מיר זיך שטארק אריסקוקן ווער עס געפינט זיך אין אונזערע רייהען — און שטעלן מחוץ־למחנה די רעפיטיסטן מכל־המינים, וועלכע רוימען אונז איין אויפן אויער: אז מיר זענען נישט, און קיינמאל נישט געווען, קיין פאלק.

זיי די „מארערנע", ווי אמאליקע אפטריניקעס, זענען פארקויפטע אדער פארשענקטע נשמות, וועלכע זענען גרייט, פאר, אדער אן שום באלוינונג, צו כאפן נשמות אינם דינסט פון דער זאך — נישט אונזער זאך.

עס מאכט דאס אלצדינג נאך נישט אויס — אזוי לאנג ווי מיר ווייסן אין וואס עס גייט; און עס גייט דא איצט אינם גאנצן!



# יידישע קולטור־ארבעט אין לאנדאן און דאס „ניי־יידיש־טעאטער"

אויף דער יידישער שארית הפליטה, וואו זי זאל זיך נישט געפינען, נאך אונזער שרעקלעכער פאלקס־טראגעדיע, איז אויסגעפאלן, א גראנדיעזע אויפגאבע.

עטלעכע הונדערט טויזנט, דארפן אויף זייערע פלייצעס שלעפן דאס, וואס עס האבן געטראגן מיליאנען. די גרויסע קולטור־ירושה, וואס עס האט אונז איבערגעלאזט דאס פארשניטענע יידישע פאלק, פאדערט א יורש, וואס זאל זיין בכוח נישט צו פארשווינדן איר עשירות. דעריבער זיינען מיר נישט איבערראשט, ווען מיר שטעלן פעסט א באדייטנדע יידישע קולטור־ארבעט, נים נאר אויף די נייע ערטער, וואו עס האבן זיך באזעצט אין קאמפאקטע מאסן די אנטרונענע, די געראטעוועטע, די וואס האבן הערואיש דורכגעהאלטן די שרעקלעכע יארן פון חורבן בית שלישי, נאר אויך אפילו אין די צעשטערטע ערטער — אין די קעמפס אין דייטשלאנד, עסטרייך, איטאליע.

זיי האבן דערפילט סטיכיש, אדער פארשטאנען באוואוסטזיניק, אז נאר דאן וועלן מיר האבן דאס רעכט פעסטצושטעלן דעם דורכפאל פון די היטלעריסטישע פלענער פון אונזער פארטיליקונג, — ווען עס וועט ווייטער לעבן די יידישע קולטור, ווייל קולטור איז דער איינציקער היסטארישער סימן פון לעבן פון א פאלק. אט פארוואס עס ווערט געשענקט אזויפיל אויפמערקזאמקייט פאר יידישע צייטונגען, ליטערארישע זשורנאלן, טעאטער־פארשטעלונגען אין שולן אין פויקן אין פראנקרייך, אין דייטשלאנד און עסטרייך.

דאס יידישע לאנדאן, לגבי אלע אנדערע יידישע צענטערס געפינט זיך אין א ספעציפישער לאגע, אין באדינגען בעסערע פאר יידישער קולטור ארבעט, די יידישע באפעלקערונג דא באשטייט נישט פון „דיספלייסט פערסאנס". איינגעווארצלט עקאנאמיש, אויף פעסטע יסודות מיט אלט היימישע טראדיציעס, מיט פארשטארקטן אינטערעס פאר יידישע קולטור ענינים אין יידישע פאלקס־פראבלעמען, וואלט דאס יידישע לאנדאן געדארפט זיין אין די ערשטע רייען מיט איר ארבעט אין אירע אויפטוען. ס'איז אבער נישט אזוי. לאנדאן שטייט באדייטנדיק אפ. און כמעט עס מערקט זיך לעצטנס א שטיקל אויפקלערונג, איז עס נאך ווייט נישט דאס, וואס מען קען און דארף דערווארטן.

אבער דאס פאדערט א באזונדערע אפהאנדלונג. דערווייל ווילן מיר זיך אפשטעלן אויף איין סעקטאר פון יידישער קולטור טעטיקייט, א סעקטאר פון קאלאסאלער וויכטיקייט, א סעקטאר, וואו מיר האבן דווקא צו פארצייכענען באדייטנדיקע דערפאלגן — דאס יידישע טעאטער אין לאנדאן.

די טוער פון „ניי־יידיש־טעאטער" געהערן אויך צו די וואס האבן דערפילט פארשטארקטע אחריות. אט האבן ערנסט גענומען די פראגן פון קולטיווירן איינס פון די שענסטע טראדיציעס, וואס דאס יידישע פאלק האט אונז איבערגעלאזט — די טעאטער־טראדיציע.

און דערפאר איז עס פאר אונז א לייכטערע אויפגאבע, ווי ווען עס איז פריער ביים סוף פון דעם טעאטער סעזאן אונטערפירן סך־הכל'ען, ציילן און דערציילן די אויפטוען פון „ניי יידיש טעאטער". און אויפטוען זיינען דא. אזעלכע אויפפירונגען ווי „שיילאק" שעקספירס, אנסקיס „דיבוק", שלום עליכם'ס „שווער צו זיין א ייד", „טוביה דער מילכיקער", פינסקיס „יאנקל דער שמיד", מאנגערס „גאלדפאדנס חלום" און אנדערע גאלדפאדנס שטעלונגען, דזשעמס ברידיס „טאביאס און דער מלאך" — אט די אלע אויפפירונגען במשך פון איין טעאטער־סעזאן, מאלן דעם פנים פונם דאזיקן טעאטער, ווייזן אז די ריכט־ליניעס זיינע פירן אים אוועק פון די קרומע אומוועגן אויפן גלייכן שליאך פון יידישער קולטור־ארבעט.

אמת, די ספעציפישע באדינגונגען פון לאנגע יארן פארוואָרלאָזטן לאנדאנער בארן האבן נישט דערלויבט דעם „ניי יידיש טעאטער" זיך אפצוזאגן אינגאנצן פונם מינדערווערטיקן אויך טעאטער־רעפערטואר, וואס האט פארכאפט די יידישע בינעס אין דער גאנצער וועלט. — אבער דער שארפער קער אין זיין טעאטער־און רעפערטואר־פאליטיק איז קענטיק, און דערפאר איז נישט קיין צופעליקייט, אז די אקציעס צו פארגעזעלשאפטלעכן די דאזיקע טעאטער־אינסטיטוציע, אנצוגעבן איר פאלקס־כאראקטער, באזארגן איר צום ערשט אן איגענע געביידע (ווען וואס די אנפירונג פון טעאטער איז דערפאלגרייך געפארן קיין אמעריקע, אין דעם קומענדיקן סעזאן, דארף מען רעכענען, וועט דער „ניי יידיש טעאטער" עפענען אין זיין אייגענעם בנין..) שאפן ארום אים א סביבה אין די ראמען פון א פאלקס און קולטור־הויז, צו קריגן די מאראלישע און פראקטישע אנערקענונג פון דער מלוכה — איז א געשעענער פאקט, וואס איז מסוגל צו שפילן א ראל אין אנהויב פון רענעסאנס פון דער יידישער קולטור אין לאנדאן. דער „ניי יידיש טעאטער" איז געווארן אן





א. מייזעלס דער לייטער,
און נ. ביטלער הויפט־דירעקטאר
פונם „ניי־יידישן פאלקס־טעאטער.



אינסטיטוציע, וואס האט זיך דערוואָרבן פרעסטיזש אין יידישן לאנדאן נישא און פארן יידישן לאנדאן בלפי חוץ. די איינלאדונגען וואס די טרופע האט געקראגן אין דער נאנטער טורנע פון „ניי יידיש טעאטער" איבער בעלגיע און פראנקרייך — איז די בעסטע ראיה, דער סימן, דער אנהויב פון דער רעאליזאציע פון איצט נויטיקן און שטענדיקן קולטור־קאנטאקט צווישן אלע טיילן פון אונזער שארית הפליטה.

עס מוז מצד יידישע קולטור־מענטשן אין לאנדאן אונטערגענומען ווערן א גענעראלער אנגריף אויף אונזערע אייגענע אפאטיע און אפהענטיקייט, אויף איינגעפונדעוועטן פעסעמיזם און אומגלויבן. אין דער דאזיקער וויכטיקער עובדה דארף דאס „ניי יידיש טעאטער" ווי דער דירעקטער טרעגער פון בעסערן יידישן ווארט, אפשפילן א באדייטנדיקע ראל.

ל. ר.

## א לעבעדיקער גרוס פונם סאוויעטן יידנטום

(צום אויפפירן „הערשעלע אסטראפאלער" פון גערשענזאן אין גרענד־פאלי־טעאטער)

אז אינם רעפערטואר פון פעלקער־און קלאסן־אינספּעניזירונגען זיינען מיר יידן באטייליקט מער אומדירעקט ווי דירעקט און מיר ברענגען אונזערע קרבנות אויך אויף אזא אופן. — מיר האבן קוים די ראלן־וואל צו זיין „ראס בלוט אויף די רעדער פון דער רעוואלוציע", אדער דער אפפיר־קאנאל פון עפעס אן אייל מסחר, ווען מיר ווילן נישט שטיין ווי די סטאטיסטן אינם שפילן פון כוחות, צי נאר זיין די אונטער־העלפערס, וואס טומלען זיך הינטער דער בינע! — איז א וואונדער, אז אונזערע פראבלעמאטישע שאפונגען ווערן נאר סימבאליש־מיסטיש אין הבל הבלימדיק פעסעמיסטיש? מיר פארלירן דעם רויטן פאדעם און אינם ווייס־נעווארענעם ווערן מיר מאי'ס פארפלאנטערט.

נאר אמבולטסטן איז עס אין דער דראמע־פארעם ווי דער דירעקטער אפשפיגלער פון אונזער אומבאהאלפענער האנדלונג! און איז נישט דער שונד און די סענטימענטאלע האפקע, וואס פערפלייצן אזוי אונזערע יידישע טעאטערס, טאקע די אמתע אפשפיגלונג פון אונזער סענטימענטאל קאמישן גערא־נגל אין פארשינדעוועטן לעבן?

און ווי רעאגירט אונזער שבט ישראל צווישן די סאוויעטישע פעלקער, וואו זיי נעמען א דירעקטן אנטייל אינם לעבן, אינם קאמף, אינם אויפבוי און ווי זעט אויס זייער יידישע שאפונג דארטן? האבן זיי זיך אפשר נאר אינם רויטן־פאדעם פארפלאנטערט, נישט מער לעבעדיק פון אים זיך ארויסצוויקלען? איז זייער נאציאנאלער און קולטורעלער „איינס" נישט שוינזשע אינגאנצן פארמאטערט געווארן אינם פאטערלענדישן קאמף מיטן פאשיזם און יעצט ווי די אקטיוויסטן אינם אינטענסיוון אויפבוי?

מיר הערן, אז ס'ווערט געשריבן דארטן א סך אין יידיש און ס'גרייט זיך איצט ארויסצוגעבן א מענגע ביכער און אז דאס יידישע טעאטער שטייט אויף

א חויכן ניווא אין אז אונזער גרויסע שרייבער דאָרט, ווי בערגעלסאָן־מאַרקיש, פעפער־האַלקין און אַפילו נסתר שרייבן פיל פאַרן יידישן טעאַטער. און אז א נייע פּלעיאַדע פון יונגע דראַמאַטורגן זיינען דאָרטן אויפגעשטאַנען, אָבער מיר דאַ זיינען יוצא מיטן הערן. עס האָט שוין אַפילו געהאַלטן, אז אָט־אָט איז בערגעלסאָנס שטיק שיער־שיער נישט אויפגעפירט געוואָרן, נאָר — מען האָט זי געפּסלט!....

מילא, אז אַפילו אַיף דוד בערגעלסאָנס א דראַמע קאָן קומען עפּעס א „ליטעראַרישער ספעין" און געבן א מאַך מיט דער האַנט און זאָגן: „לא"! „טריף ווי חזיר"! בשעת אַמעריקאַנער שונד־שטיקער טוישט מען יעדע וואָך. און אז מען קאָן שוין נישט „נאָסטאַיען" פאַרדרייט מען זיי, מ'איז משנה די נעמען און מ'הויבט ווידער אָן פון בראשית, וואָסער אויסזיכט האָבן מיר געהאַט, אז מיר וועלן נאָך באַקומען צו זען דאָ א שטיק פון א סאָוויעטישן שרייבער. האָבן מיר זיך דערפרייט, ווען מיר האָבן פּלוצלונג דערהערט, אז די נייע אַקטיאָרן יצחק קרעלמאַן, פרוי קרעלמאַן און האַרי אַריאַל, וועלכע מאַרק מאַרקאָוו האָט מיט נרוים מי אַהערגעבראַכט דאָ פון א לאַגער אין עסט־רייך, וועלן שפּילן א שטיק פונם סאָוויעטישן יונגען יידישן שרייבער, גערשענ־סאָן, וועלכער איז געפאַלן ווי א העלד אין די לעצטע מלחמה שלאַכטן.

אפנים, אז אַמאָל איז פּריוואַט איניציאַטיוו, א סך וויכטיקער, בפרט אין אזא נעזעלשאַפטלעכקייט ווי מיר האָבן זי דאָ לעת עתה.



ה. אַריאַל אַלס „הערשעלע אָסטראָפּאָלער".



און מיר זיינען נישט ענטוישט געוואָרן פונם גרים, וועלכן מיר האָבן באַקומען, דורך אזויפיל אומוועגן און גילגולים, פון אונזערע ברידער אין סאָוויעט־רוסלאַנד! זעענדיק אָט־אָ דעם ליכטן, האַלב־זינגנדיקן, האַלב־שפּילנ־דיק ספּעקטאַקל, דעם אזוי קינציק און יידישלעך פאַראַרבעטן פאָלקלאָר־וויץ פון דעם פאָלקסטימלעך לעגענדאַרן וואַגאַבונדיסטיש פאָלקס־העלד „הערשעלע אָסטראָפּאָלער", האָבן מיר געפילט, אז יערע קונציקע מחיצה, מיט וועלכער מ'וויל אונז פאַרנאַנדערטיילן פון אונזער יידישן שבט אין סאָוויעט רוסלאַנד איז אַן אַרויסגעוואָרפענער — אונזערע בלוט־קאַנאַלן, וועלכע פאַרבינדן אונז ציען זיך אונטער די קינצלעכע מייערן, אויפגעשטעלטע סיי פון לינקס און סיי פון רעכטס. „הערשעלע אָסטראָפּאָלער" דאַרף זיך נאָר א צעטאַנץ געבן און זיי פאַלן איין!





יצחק קרעלמאַן און פרוי קרעלמאַן אין „הערשעלע אָסטראָפּאָלער"

אז אין דעם שפּילנדיקן זינגענדיקן יידישלעכן פאָלקס מעשהלע, אין דעם קאָמיש־לעבעדיקן פאָלקס־העלד, איז לאַבנדיק און זינגנדיק און שפּילנדיק טעאַטראַליש אַרויסגעאַרבעט געוואָרן דער גרויסער פּראָבלעם פון אַרבעט און פּראָפּיט און דער קלאַסן־קאַמף פאַר יושר און גערעכטיקייט, מיט אויסדריק־לעכער יידישן אייגנאַרט, מיט יידישן וויץ און חכמה, און מיט דעם דירעקטן צוגאַנג צום פּראָבלעם! — האָט עס בולט באַוויזן אז אונזער שבט ישראל דאָרטן אין בונט צווישן די סאָוויעטישע פעלקער, איז געבליבן א נאַציאָנאַלע און קולטורעל יידישער „איינס".

און נישט דאָס שטיק, נאָר דאָס שפּילן זייערס, פון די געקומענע אַקטיאָרן איז געווען א לעבעדיקער גרוס! זייער אופן און אויפפאַסונג פונם שפּילן,

אינם ערנסטן צוגאנג צו זייער ארבעט האבן מיר דערשפירט דעם פרישן הויך און דעם נייוואַ־הויך פונם יידישן טעאטער אין סאוויעט־רוסלאנד — יידיש טעאטער אין סאוויעט רוסלאנד איז שולע, איז טראדיציע!

און דאס לעצטע, די פרישע אויפפירונגען פון שפילן, האט מען נאך דייטלעכער געזען אין זייער שפילן שלום עליכמס 'דער בלוטיקער שפאס'. ווייל מיר האבן אקארשט דאס זעלבע שטיק געזען שפילן אין א פיינע אויפפירונג אין „ניי יידיש טעאטער“ מיט פאסיגע כוחות פאר א שלום עליכם־ספעקטאקל, וועלכע מיר האבן דא אין לאנדאן אין בעיקר מיט צעלניקערן און פרוי מייזל. אבער זעענדיק איצט דאס שטיק אין „גרענד פאליי“, אין דער סאוויעטישער אויפפאסונג, מיטן גרונד־מאטיוו ראמאנאוו־שנייערסאן אין פארערגרונד, — דעם נייעם דור פאר וועלכן דער עבר ווערט קינסטלערישער פערספעקטיוו, און די איבעריקע פערזאנען. אפילו שאפירא מיט זיין ווייב, נאר די קאנווע פאר דעם שטאלצן פארמעסט, — נישט געווען! — פון ברידערלעכן צוזאמענלעבן, האבן מיר ערשט פארשטאנען, וואס עס הייסט צייט־אויפפאסונג און דירעקטער צוגאנג צו א פראבלעם. און די געקומענע שוישפילער האבן אונז איבערצייגט מיט זייער דרייסטן, טאלענטירטן שפילן.

און דאס איז דאך אייגנטלעך דער קינסטלערישער אויפבוי פונם שלום עליכמס „בלוטיקער שפאס“, די נייע טעמא אין דעם ווערק. דאס צוזאמענשפיל פון ראמאנאוו און שנייערסאן! (אריאל און מארקאוו) שאפירא און זיין פרוי (קרעלמאן און טאפל) זיינען דאך נאר ארויסגעקומענע פון זיין אייגענער טיפן־גאלעריע; דאס שפיל צו באלעבן, צו מאכן עס שלום עליכמדיק — שארזש!

און דער רעאלער און דירעקטער אויפפאסונג. — ראמאנאוו און שנייערסאן לעבעדיק אין א פראלעטארישער מלוכה ווי פרייע בירגער און גלייך באטייליגט אינם לעבן! — ווערט ממילא אויך דער איבעריקער שלום עליכם פערסאנאזש נישט מער „אויסגענוצט“ ווי קאמישער שארזש־טעאטער — ס'ווערט א לעבעדיק שפיל פון כוחות, נישט פון אויסגעטווישטע ראלן!

מיר זיינען זייער דאנקבאר די נייע אקטיארן פונם גרענד פאליי: יצחק קרעלמאן, פרוי קרעלמאן און הארי אריעל. און זייער געבערענגטער גרוס איז נישט נאר א ליטעראַרישער. ס'איז א דערפרייענדיקער גרוס פון אונזערע ברידער אין סאוויעט־רוסלאנד, ווייל טעאטער איז דאך דער דירעקטער אפּשפיגלונג פונם לעבן. מיר דאנקען מארקאוון וואס זיין שתדלנות האט עס מעגלעך געמאכט און די פיינע חברים גרופע פאר דעם פיינעם צוזאמענשפילן.

עס טוט אונז נאר לייד וואס אהערקומענדיק דא וועלן זיי זיך מוזן ארייננווארפן אין די פארשונדטע גארדעראבעס, פונם אמעריקאנישן שונד רעפערטואר, וואס ווערן געשפילט פון וואך צו וואך און טיילאמאל צוויי מאל אין דער וואך. דאס איז ליידער די אפשפיגלונג פון אונזער נאציאנאל־סענטימענטאל־און געבעכדיקן קולטור געראנגל פון וואס אונזערע ביידע טע־אטערס דא. — און וועלכע „מיר שפילן זיך“! — זיינען נאר די עטלעכע און געטרייע דינער פון אונזער געזעלשאפטלעכקייט.

ש.





# אזוי לעבט אויף א שטעטל

(א רעפארטאזש)

דער צוג איז אנגעקומען קיין ליובאשאווקע באגינען. א געדיכטער נעפל האט איינגעהילט די באן־סטאנציע, די סערער און ביניינים ארום איר. ווען דער נעפל איז צערונען, דער הימל אויסגעלייטערט געווארן, האבן מיר פאר זיך דערזען א קליין שטעטל, וואס האט מיט אלע געסלעך און ליקן זיך ברייט צעווארפן ארום וואקזאל.

א רו־טאג. דאס איז און אט דער פרייער צייט דער ארום שוין פול מיט באוועגונג. צום עלעוואטאר ציען זיך לאסט־אויטאס און קאלווירטישע פורן, געלאדן מיט ברויט פאר דער מלוכה. א סאך פויערישע פורן לאזן זיך צום קאלווירטישן מארק.

מיטאמאל דערהערן זיך פון א ווייט געסל הויכע טענער פון א טרומייט. אין די טרומייט־טענער מישט זיך אריין א צארטע פידל־שטים, עס צעברומען זיך טאצן פון א פויק. וואס ווייטער דערקייקלט זיך אהער, צום וואקזאל, אלץ קלארער א פריילעכער, אלט־באקאנטער יידישער ניגון פון א קלעזמער־קאפעליע.

א קאפעליע אין לויטערן באגינען שפילט א „פריילעכס“.

— וואס איז דארט פאר א שמחה? האבן מיר א פרעג געטאן בא אן אויסגעפוצטן יידן, וואס איז אונדז אנגעקומען אנטקעגן.

— א חתונה, — האט אויפגעלייגט געענטפערט דער ייד. — איצע קויפמאן מאכט חתונה זיין אפיציר פון בערלין. א נאכט, אז מען הוליעט!

די חתונה איז טאקע א גרויסארטיקע. די גרויסע, נארוואס אפגערעמאנטירטע דירה איז פול מיט מחותנים, פריינט און נאענטע שכנים און כאטש ס'איז שוין גרויסער טאג, ברענגען נאך אונטער דער סטעליע צוויי בליי־לאמפן. די טישן זיינען אפגערוקט און אויפגעשטעלט איינער אויפן צווייטן, די קלעזמער שיפלן, און דער עולם, פארגעסנדיק אן דער מידקייט פון א נאכט נישט שלאפן, טאנצט נעשמאק.

— שטארקער, כלי־זמרים'לעך, שטארקער! פרייט זיך, פריינט מיינע!

— ניט צו אלע ווילע היץ דער בעל־שמחה איצע קויפמאן.

דאס איז שוין די צווייטע חתונה, וואס איצע פראוועט: צוויי חתונות אין איין חודש. פריער האט ער חתונה געמאכט דעם עלטערן זון, שמואלן. איצט דעם יונגערן, גדליה'ן, ביידע אפיצירן, געקומען אין אורלויב פון ארמיי. ביידן האט אפגעגליקט — זיי האבן דא ווידער געטראפן זייערע געליבטע, מיט וועלכע זיי האבן מיט פינף יאר צוריק אויפן היגן וואקזאלכל זיך צעשיידט.

...היינטיקער זומער איז געווען א זומער פון שמחות אין שטעטל. יידישע משפחות האבן זיך צוריקגעקערט פון עוואקואציע, יידישע שלאכטלייט האבן זיך דעמאבילזירט פון דער ארמיי, חתנים מיט כלות האבן זיך ווידער געטראפן.

מיר זײַנען אַרײַן צונאַכט צו דער יונגער פּאָר משה און מאַניע רעכטמאַן, װעלכע האָבן קנאַפּע דרײַ יאָר געשמאַכט אינעם פּאַשיסטישן גיהנום. זײ זײַנען די ערשטע אַרײַנגעפאַלן אין די פאַשיסטישע נעגל, מיט זײ האָט מען געעפנט דעם טויט־לאַגער אין דאָרף װאַזדאַװקע. — אַ טויט־לאַגער, װאָס האָט אײַנגעשלינגען העכער 20 טויזנט קרבנות. געראַטעװעט האָבן זיך משה און מאַניע אַדאַנק זײערע אוקראַיִנישע פרײַנט מיראָנענקאָ און סאַלאַשטשוק. — דערפאַר זײַנען אױף אונדזער חתונה מיראָנענקאָ און סאַלאַשטשוק געװען די אָנגעזעענסטע מחותּנים. — דערציילט מיט שטאָלץ דאָס יונגע פּאָרפאָלק. — פּעסלעך װײַן האָט זיך דעמלט געגאָסן פאַר אונדזער האַרציקער פרײַנטשאַפט און ברודערשאַפט.

אונדזער שמועס האָט זיך איבערגעריסן — צום שטוב איז צוגעפאָרן אַ קאָלװירטישע פור. פונעם בײַשטעטלדיקן קאָלװירט האָט מען געבראַכט ברױט אױפן חשבון פון די אַרבעטס־טעג, װאָס משה רעכטמאַן האָט אַלס שמיד אױסגעאַרבעט אין קאָלװירט.

דאָס ייִדישע שטעטל ליובאַשאָװקע באַקומט װאָס װײַטער אַלץ מער דאָס פריערדיקע אױסזען. די ייִדישע משפּחות, װאָס האָבן זיך געפונען אין טיפן הינטערלאַנד, האָבן, װי געזאָגט, זיך שױן אַלע אומגעקערט. אַ באַװונדערס פרײדיקן אײַנדרוק, מאַכן די דעמאָביליזירטע.

דער פאָטער מיטן זון — זלמן און יאָסל שמיקלער — זײַנען אין אײן טאָג אַװעק אין דער אַרמײ און בײדע כמעט אין אײן צײַט זיך צוריקגעקערט געזונט און שטאַרק. בײדע, דער פאָטער מיטן זון, זײַנען אָרדענטרעגער. בײדע האָבן מיט פלײַס און מיט אַ באַזונדער ברען װידער זיך גענומען פאַר זײער פריערדיקער אַרבעט.

ניט לאַנג צוריק האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרמײ דער זשורנאַליסט קאַפּיטאַן מיכאַיל פּראַדין — אַן אָרדענטרעגער. ער אַרבעט איצט אַלס פאַראַנטװאָרטלעכער רעדאַקטאָר פון דער ראַיאָנער צײַטונג.

עס האָט זיך דעמאָביליזירט און זיך אומגעקערט אין איר הײם־שטעטל די פעלדשערין פאַליע מײַעראָװיטש. פאַליע האָט פאַר דער מלחמה פאַרענדיקט דעם הײַסינער ייִדישן מעדיצינישן טעכניקום. װען די מלחמה איז אױסגעבראָכן, איז זי פרײַװיליק אַװעק אױפן פראָנט. מיט איר צוזאַמען האָט זיך דעמאָביליזירט איר ברודער ליאָװע, װאָס האָט פאַר דער מלחמה פאַרענדיקט „עם לוּאָװער לאַנדװירטשאַפטלעכן טעכניקום. פאַליע ניט אַרבעטן אינעם הינגן שפּיטאָל. ליאָװע — אינעם ראַיאָן ערד־אָפּטײל.

דער פאַרװאַלטער פונעם ראַיאָנעם פינאַנץ־אָפּטײל אַבּרם בעלאָבאָװ איז אױך אַ געװעזענער פראָנטװיק. פאַר אַ קורצער צײַט האָט ער די אַרבעט פונעם אָנשטאַלט, מיט װעלכן ער פירט אָן, אָרגאַניזירט מוסטערהאַפט. מיט עכטער ליבע און באַגײַסטערונג אַרבעטן אין די ראַיאָנישע אָרגאַניזאַציעס דער דעמאָבאַליזירטער אָפיציר הירש באַבריצקי, באַװוּסט מיט זײער אַרבעט



זײַנען דער דירעקטאָר פונעם עלעװאַטאָר כאַנע מאַסטאָװעצקי, די אַרבעטער פונעם אײל־זאַװאָד, געװעזענע אָפיצירן, אהרן לאַבינסקי און לשמה אַלבינהויז, די געװעזענע שלאַכטלײַט װעלװל גאַראַשין, יונה זעליאָני, מאָטל פערטשיק, איסאַק סאַניס און נאָך און נאָך אַנדערע.

די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג האָט מיט ענטוזיאַזם זיך אײַנגעשלאָסן אין דער גרױסער אױפריכטונגס־אַרבעט. מיר באַגעגענען זײ אומעטום — די האָרעפּאַשניקעס פונעם קלײנעם שטעטל. דאָס זײַנען פּשוטע און האַרציקע מענטשן, װעלכע זײַנען פאַרײניקט מיט אײן פאַרלאַנג און מיט אײן װילן — אַרבעטן טרײַ און איבערגעגעבן, כּדי אױספילן און איבערשטײַגן די פּלענער פונעם פערטן סטאַלינישן פינפיאָר.

ליובאַשאָװקע, אָדעסער געגנט.

## אליהו פּאָלושאַק

## װעגן מײַן אַרטיקל איבער אײַער 25 יאָריקן שאַפן

(אַן אָפענער בריװ צום רעדאַקטאָר, דעם בעל יובל)

חשובער פרײַנט א. נ. שטענצל,

װען די דאָזיקע שורות װעלן זײַן געדרוקט און אױסגעסדרט פאַר זײַן מאַיעסטעט דעם לעזער, װעט איר זײַן אי"ה אַ בן חמשים ביז הונדערט און צװאַנציק יאָר.

און דאָס, „װאָס איר דערגרײכט דעם דאָזיקן לעבנס־אָפּשניט איז דאָך נאָך נישט אַזױ היסטאָריש־װיכטיק. װי דער פאַקט פון אײַער דיכטערישן יובילעאום: אײַער 25 יאָר ליטעראַרישע טעטיקײט אַלס באַקאַנטער ייִדישער פּאָעט, עסײאיסט, מוסר־זאָגער און רעדאַקטאָר.

ענטשולדיקט מיר, װען איך דריק אױס מײַן באַדױערן, װאָס איר האָט נעבעך נעמוזט די לעצטע יאָרן פאַרברענגען אין דעם הינגן קאַלטן און בלוט־אָרעמען ייִדישן ישוב — — —

אין דער ייִדישער עפנטלעכקײט דאָ האָט איר מער װי יעדער אַנדערער פאַרדינט, אַז מען זאָל אײַך דעם בעל־יובל נישט פאַרגעסן. האָט איר דאָך בײַ אײַערע ייִדיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס יעדן ייִדישן שרײַבער, דיכטער און כּלל טוער (מאַנכע אײַך נישט־פאַרדינטערהײט) צוגעלאָזט צום „ברעטל". װיפל ערשטלינגס־װערק אין פּראָזע און פּערז, ניט אַדער שלעכט, זײַנען געװאָרן פאַרגעלײענט, קריטיקירט און אַרױסגעשמועסט אײדער זײ זײַנען געגאַנגען אין דרוק אַרײַן אָדער אין פּאַפּירקאָרב!.. און אונדזער אײער װײַטשעפּעלער עולם האָט זיך נעדולדיק צוגעהערט און איז געקומען שבת נאָך שבת און װעלן אי"ה אױך װײַטער קומען שבת נאָך שבת פּונקט דרײַ אַ זײגער נאָכמיטאָג. „אױב ס'איז יאָ אַנאָנסירט אָדער נישט..." זײ

קומען צו די שבת נאכמיטאגס, וועלכע זיינען א שטיק פון זייער איצטיקן לעבן. אין די צוויי שעה: פון דריי ביז פינף איז דער שבת אריכער און פוסטער פאר זיי, די עלטערע הארעפאשניקעס פון ווייטשעפל און אלדגייט.

אבער נישט דאס אליין בין איך אויסן....

איך בין אויסן אייך צו אנטפלעקן, אז איך באדויער זייער, וואס איר זיינט נישט נאר דער „אנטדעקער פון ווייטשעפל", נייערט אויך דער רעדאקטאר פון „לשון און לעבן". וויינקסטנס באדויער איך עס איצטער אינם יובילעאום־חודש.

קענעדיק און נאכפאלגנדיק אייער שאפן מיט יארן צוריק, ווען איך האב נאך געלעבט אינם אפגעשלאסענעם דוהר־געביט, וואו א נייידערשינען־בוך אין יידיש איז זעלטן ווען אהינגעקומען, האב איך צו אייער ליטערארישן יובל געוואלט שרייבן דעם לאנגן שוין צוגעגרייטן ארטיקל איבער א יידישן „פעער גינט" (אין מיין אפהאנדלונג איבער „צווישן הימל און ערד" האב איך אייך אזוי באצייכנט) וועמענס שאפונגען מאכן א מארש פון ר' לוי יצחק בערדיטשעווער ביז צו דער רויטער ארמיי.. און איצטער נאך דער בלוטיקער מלחמה נאך ווייטער און ווייטער.....

איך דערמאן מיך אין דער צייט איידער איך האב אייך פערזענלעך געקענט, איז עמיצער צו מיר געקומען מיט אייער בענדל שירים „און דו ביסט גאט". דאס איז געווען אייער ערשטער גרויסער ארויסטריט. איך האב אנגעהויבן צו לייענען איינם נאכן אנדערן. עס זענען געווען יונגע פערזן, געשווינט געשניצט אין די ביליקע גראמען־קונצשטיק. עס האט נישט לאנג געדויערט און פילע פון מיין חברה האבן אנגעהויבן צו גלייבן אין אייער טאלאנט און אין אייער ווייטערדיקן אויפשטייג. און מיר האבן נישט געהאט א טעות.

אזוי ווי איר דער דיכטער א. נ. שטענצל זענט אויך דער רעדאקטאר פון „לשון און לעבן", קען עס אייך זיין פריקרע ווען איך וואלט גראד צו אייער יובילעאום אריינגעשיקט מיין אפהאנדלונג איבער אייך און אייער שאפן. עס וואלט גארנישט געשאדט, ווען מען זאל אייך צו אייער יובילעאום אוועקשיקן פאר א פיר וואכן „אויף פענסיע" און ארויסגעבן אן אייך א יובילעאום־שטענצל־נומער פון „לשון און לעבן". דאמאלס וועל איך אפשר פרייער קענען לאזן אפדרוקן מיין געפלאנטן ארטיקל אונטער דעם קעפל „פון ר' לוי יצחק בערדיטשעווער ביז צו דער רויטער ארמעע".

אדער אפשר נאר וועט דער „ערזאץ־רעדאקטאר" זיין נאך שטרענגער. ער וועט היציק נעמען מיין מאנוסקריפט אין זיינע הענט און טענהן צו מיר, ווי דער אייזל צו דער נאכטיגאל אין דעם באקאנטן משל פון קרילאוו.....

דערווייל זייט מיר געזונט און שטארק, האט כח ווייטער אנצופירן מיט אייער וויכטיקער ארבעט אלס דיכטער, רעדאקטאר און בעל דרשן אין אונזער „שטיבל", ווי עס ווינטש אייך,

אייער אמתער פריינט,

אליהו פאלושאק



## א פריינטלעכע תשובה

ליבער פריינט פאלושאק, יא, אפילו א יובילעאום, ווען מען וויל נאר, קאן מען פייערן לשמה — שוין דאס, אז מען איז אן אביעקט דורך וועמען מען גיט אפ כבוד די יידישע ליטעראטור; אפילו א „יובל"־ארטיקל קאן מען לאזן איבער זיך אפדרוקן, ווען מען ווערט צופעליק אלט פופציק יאר, פונקט ווי מען איז געווארן צופעליק א „רעדאקטאר"; אבער קלאפן אין די פויקן און קלינגען אין די טאצן איז זיכער נישט כדאי, בפרט בזמן הזה. איר וועט מיר אויך מוחל זיין וואס, מהאי טעמא האב איך אויך אייניקע שורות געמיזט ארויסלאזן פון אייער בריוו — מיר וועלן זינגען צוזאמען אין אונזער „שטיבל" דאס פאלקס־ליד, „אז דער רבי אלימלך", און מיר וועלן יוצא זיין!....

וועגן אייער פופציק־יאר־פלאן? דער ערשטער העלפט פון אים, מיך צו לאזן פענסיאנירן אויף א חודש — כ'לעבן דאס וואלט געווען מיין שענסטע „יובל־פייערונג"! נאר וועגן דעם „ערזאץ־רעדאקטאר" האלט איך: דאס וואס מען וויל אליין נישט טון, דארף מען אויך נישט מאכן קיין „התר עסקא", אז אן אנדערער זאל עס מענן טון — עס ווערט דערמיט נישט א סך כשר'ער.

אייער,

א. נ. שטענצל

## ביכער אנגעקומען אין רעדאקציע

„דאס ליד פונם יידישן קוילן־גרעבער" טעקסט אלחנן אינדעלמאן, אילוסטרירט פון ה. גאלאמב, (מוזיק, לעאן וויינער) ארויסגעגעבן דורכן אפטייל, פאר ש״ל און קינדער־שוץ ביים צ.ק. פון יידן אין פוילן.
„אין פרעמדן דור" (לידער און פאעמעס) מרדכי שטריגלער, פאריז, 1947
„זינגט מיין הארץ" (לידער) ברכה קאפשטיין, ניו־יארק, 1945
זישא לאנדוי (מאנאגראפיע) ה. נויל, ניו־יארק.
„אונזערע קינדער" (איינמאליקע אויסגאבע), מערץ, בריסל, 1947
„יידישער קעמפער" פסח תש״ז, (א זאמלונג) ניו־יארק.
„יידישע קולטור" מערץ־אפריל, ניו־יארק, 1947
„יידישער קעמפער", מערץ נומער, ניו־יארק, 1947
„נייַ לעבן", נומער 36-35, יאנואר־פעברואר, בוענאס־איירעס, 1947
„דער שפיגל" רעדאק. י. ל. גרוזמאן, פעברואר־מערץ, בוענאס־איירעס, 1947

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street. W.C.1

# קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ

* *

פ״ילן — אין זאל פון קולטור-הויז אין ריכבאך איז פארגעקומען די דערעפענונג פון א ביבליאטעק א.נ. פון שלום עליכם. בעת דער דערעפענונג האט ח' פאסטאג געהאלטן א רעפעראט וועגן לעבן און שאפן פון שלום עליכם. דעם רעפעראט האבן די פארזאמלטע אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס.

* *

דער דראמ.־קרייז ביים ייד. קאמיטעט, האט נאכן רעפעראט, אויסגעפירט שלום עליכמס א „סוחר" און „דאקטאר".

דער אוונט האט געדינט אלס אנהויב פון אפטע ליטעראַרישע שמועסן מיטן יידישן עולם.

* *

רחל בוימוואל — גרייט א בוך לידער „צום דימענט־שלייפער" און א בוך דערציילונגען.

* *

דוד בערגעלסאן — ארבעט וויטער אויפן ראמאן „אלעקסאנדער באראש". גיט אפ צום דרוק א באנד נייע דערציילונגען אויף נאך־מלחמה־מאטיוון.

* *

עליע נארדאן — שרייבט א ראמאן, אין וועלכן עס ווערט געשילדערט די ראלע פון דער סאוויעטישער ארטילעריע. דער הויפט־העלד איז א יידישער פאלקאווניק משה כאזין.

* *

מ. גען — גרייט א בוך נאוועלן וועגן דעם אנטייל פון יידישע רעמאבילייזירטע שלאבטלייט אין דער אויפשטעלונגס־ארבעט.

* *

בינעם העלער — ארבעט אויף א פאעמע וועגן דער פאטערלענדישער מלחמה. פארענדיקט צוויי ציקלען ליריק אויף מלחמה־מאטיוון.

* *

א. ווערגעליס — ארבעט אויף א פאעמע „דרייסיק יאר", געווידמעט דעם סאוויעטישן דור. אינעם נייעם יאר וועט דערשיינען זיין בוך לידער „אויף דער פארערשטער ליניע".

* *

דער נסתר — גרייט א באנד נייע דערציילונגען. אפגעגעבן צום דרוק אינעם מלוכה־פארלאג „דער אמת" דעם צווייטן טייל פונעם ראמאן „די משפחה מאשבער". וואס וועט אין קומענדיקן יאר דערשיינען אין איין בוך צוזאמען מיטן ערשטן באנד.

* *

י. נוסינאוו — פארענדיקט א גרויס בוך „פארוואס זיינען זיי פארבליבן"?

* *

ש. פעסאוו — זעצט פאר די ארבעט איפן בוך „יידן — גענעראלן און העלדן פונעם סאוויעט־פארבאנד". ער ארבעט אויף א פיעסע וועגן דעם נאך־מלחמהדיקן לעבן פון א יידישער משפחה, אין וועלכער דער הויפט־פערסאנאזש איז א ייד א גענעראל.

* *

איציק פעפער — זעצט פאר די ארבעט איבער דעם ראמאן אין פערזן „שלמה המלכס יורשים". איבערגעגעבן דעם פארלאג „דער אמת" א ניי בוך לידער און פאעמעס אונטערן נאמען „אויפסניי".

* *

לייזער קאצאוויטש — צוגעגרייט צום דרוק א בוך משלים.

* *

א. קושנירא — גרייט פארן פארלאג „דער אמת" א בוך לידער פון מלחמה־צייט. ער פארענדיקט א פיעסע.

* *

לייב קוויטקא — גרייט א זאמלבוך אויסגעוויילטע לידער. פארענדיקט א זאמלונג לידער „אונדזער זון". ארבעט איבערן בוך „דאס מיידל פון אומאן".

* *

דער באקאנטער ליטעראטור־און טעאטער־קריטיקער ד"ר א. מוקדוני איז אלט געווארן 70 יאר.

* *

קלמן מארמאר'ס 70טער געבוירן יאר איז געפייערט געווארן אין ניו־יארקער סיטי קאלעדזש אודיטאריע.

* *

„א ייד צו א יידן שרייבט יידיש", הייסט די גרופע יידישיסטן אין יאהאנעסבורג, וועלכע קעמפט דערפאר, אז סיי יחידים, סיי געזעלשאפטן זאלן פירן זייער קארעספאנדענץ נאר אין יידיש.

* *

אין פאריז איז דערשינען א בוך לידער אין פאעטן מיטן נאמען „אין א פרעמדן דור" פונם פאעט מרדכי שטרינגלער.

## ידיעות פון דא

* *

דער בארימטע שוישפילער מאריס שווארץ קומט קומענדיקן חודש קיין לאנדאן. ער וועט דא אויפטרעטן מיט אייניקע ווארט־קאנצערטן.

* *

די שוישפילערין זשעני לאוויטץ פון תל־אביבער „לי־לו־לה" איז געקומען אין לאנדאן און איז אנגאזשירט געווארן אין „ניי יידיש טעאטער" וואו זי הויבט שוין אן צו שפילן קומענדיקן חודש.

* *

דער זשורנאליסט לייב רייזען, דער זון פון זלמן רייזען, וועלכער האט זיך געראטעוועט בשעת מלחמה אין סאוועט רוסלאנד איז אנגעקומען קיין לאנדאן, האפענטלעך בלייבט ער דא מיט אונז און ער וועט זיין טעטיק ליטעראריש און קולטור־געזעלשאפטלעך.

* *

פעטי ברוין, האט אריינגעגעבן צום דרוקן א בוך פעליעטאנען און דערציילונגען פון לאנדאנער לעבן.

* *

שלמה אירבאך האט פארגאנגענעם חודש ביי א גלעזל טיי איינגעארדנט פון זשורנאליסטן פאריין געהאלטן א פארטראג איבערן שאפן פון די לאנדאנער שרייבער און פאעטן.

* *

דער באקאנטער לאנדאנער אקטאיר יידל גאלדבערג איז אנגאזשירט געווארן אין „ניי יידיש-טעאטער".

* *

ראנערשטיק, ל"ג בעֹמר, דעם 5 מאי, אָרדענט איין „פריינט פון יידיש לשון" א גלעזל טיי לכבוד ל. ש. קרעדיטאָר, ווי ער וועט פאָרלייענען זיינע נייע געשריבענע דראמע „בראשית".

* *

דער ווארשעווער מאלער ש. בראָנשטיין, וועלכער איז דא אהערגעקומען פון איטאליע איז אויפגענומען געוואָרן אלס דער דעקאָראציע מאלער אין „ניי-יידיש טעאטער".

* *

דער מיטדירעקטאָר פון „ניי-יידיש טעאטער" הערי רייפעלסאָן איז פלוצלונג געשטאָרבן פון א האַרץ־אַטאַק.

* *

די באַקאַנטער לאָנדאָנער אַקטיאָרן שלמה קאָהן הויבט ווידער אָן צו שפּילן אין „ניי יידיש טעאטער".

* *

---

## „פריינט פון יידיש לשון"

באגריסט דעם דיכטער א. נ. שטענצל צו זיין 50־יאָריקן געבוירן־טאג און ווינשט אים כוח און גוטע יאָרן צו קענען ווייטער זיך ווידמען זיינע שאפונגען מיט וועלכע ער האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור, און קענען ווייטער אנגיין מיט זיין פרוכטבארער קולטור־טעטיקייט.

דער קאָמיטעט

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנארד באראָן־סעטלמענט, 33, בערנער סטריט, א.1. — 3 א זייגער)

שבת, דעם 3 מאי, וועט דער באַקאַנטער לאָנדאָנער שוישפּילער און לייטער פון גרענד־פּאַליי טעאטער מאַרק מאַרקאָוו זיין דער גאַסט פון די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס.

שבת, דעם 10־טן וועט מען פאָרלייענען פון א. נ. שטענצלס שריפטן לכבוד זיין 50־טן געבוירן טאָג.

שבת, דעם 17־טן וועט ד"ר טענענהויז האַלטן א רעפעראַט.

שבת, דעם 24 — די טראַדיציאָנעלע שבועות־פייערונג מיט פאָרלעזונגען און רעקלאַמאַציעס פון אונזערע קלאַסיקער און פּאָעטן.

שבת, דעם 31־טן — וועט דער אַרבעטער און קולטור־טוער מאָריס מינדל האַלטן א רעפעראַט.



דער „מארגען - זשורנאל" פון ניו־יאָרק איז די פירענדע יידישע מאָרגן־צייטונג אין אַמעריקע.
דער „מארגען - זשורנאל" איז די איינציקע יידישע צייטונג אין דער וועלט, וואָס האַלט אויס אין לאָנדאָן א ספּעציעלן ביוראָ, כדי טעלעגראַפיש צו אינפאָרמירן טאָג־טעגלעך זיינע הונדערטער טויזנטער לעזער וועגן אַל־געמיינע און יידישע געשעענישן אין אייראָפּע.
די „מארגען - זשורנאל" לעזער אין לאָנדאָן און אין ענגלאַנד קאָנען באַשטעלן די צייטונג, ווען זיי שיקן צו פאָראויס א טשעק אָדער פּאָסטל־אָרדער אויף £4.10.0 פאַר א יאָר, אָדער £2.7.6 פאַר זעקס חדשים.
שרייבט דייטלעך אייער נאָמען און אַדרעס (אין בלאָק־שריפט) און שיקט אייער באַשטעלונג אויפן אַדרעס:
*JEWISH MORNING JOURNAL*, Europeon Buraus, 66, Woodland, Golders Green, London, N.W.11.
*Telephone* SPEedwell 7935

P. & P. METALWARE AND ENGINEERING CO.
1, (rear) EVELYN STREET, DEPTFORD, S.E.8.
Tel.: BERmondsey 1681.
ספּעציאַליסטן פון לייכטע קאָנסטרוקציאָנס־אַרבעטן, אויטאָגניש שווייסן, מאַשינען פאַררייכטונגען און עלעקטר. אינסטאַלאַציעס.
ווערקס־מענעדזשער: — א. פּאָלושאַק

דער
פּלאַץ
איז
רעזערווירט
פאַר
י. ביעטש

יידישער טעאטער „גרענד פּאַליי", קאָמערשל ראָוד, א.1
מאַרק מאַרקאָוו און עטא טאָפּעל
טרעטן אויף מיט זייער קינסטלער טרופּע
טעגלעך יעדן אָוונט — 7.30

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

ס. און ב. פלאסטיקס לטד.
פאבריקאנטן און עקספארטערס
21, Berwick Street,
London, W.1
*Telephone:* GERard 7543

אונדזערע הארציקסטע ברכות
די פריינט
ה. מ. נאטעל און פרוי
צום געבורט פון זייער זונדרעלע,
רבקה און זיינוול דיאמאנט ושענעוו.

נײַ-יידיש טעאטער
פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1
דירעקטאריום: וו. קאסאף, ה. רייפעלזאן, מרס. שאפירא.
טשערמאן: מ. ביטלער. אנפירונג: א. מייזעלס. האנ. סעק.: א. ביטלער.

מאיר צעלניקער
און די פאריזער שוישפילער
מרים קאראלאווא און לעאן בלומענזאן

צוזאמען מיט די שוישפילער לויטן א"ב:
פרויען:— אנא בוים, שושמטער טענטלער, קלארא מייזעלס, טעטא סענאל, אנא צעלניקער, איידא שערמאן, מיני שערמאן.
מענער:— מארים אקסעלראד, מאקס בוים, פאול גאלדשטיין, הערמאן טוניס, דוד סענאל, א. פוקס, יאזועף שערמאן א.א.
מוזיק דירעקטאר: פהיל בערנשטיין. בינע מענעדזשער: זשאק טשעפל

יעדן אוונט פארשטעלונג (פרייטאג געשלאסן)
שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג
אוונט 7.30



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*


# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.


אכטער יארגאנג — יוני 1947 לאנדאן — נומער 6 (העפט 89)

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה א ל ט:


צו דער ערשטער אלגעמיינער פארזאמלונג פון „פריינט פון יידיש־לשון", זונטיק דעם 8טן יוני — ** .. .. 1
די כנסת ישראל רעדט צו די ספרים און ביכער — משה עובד 6
חיים סוטין (עסיי) — לעא קעניג .. .. .. 8
אלפן־בערג (פאעמע) — שלמה ווארזאגער .. .. 14
אין דער פרעמד (דערציילונג) — קיטי בראון .. .. 15
איידער ס'נעמט דאס ליכט פארגיין (ליד און סאנעט) — יוסף הלל לעווי .. 20
די פרעסע און אירע אויפגאבן (עסיי) — אליהו פאלושאק 23
דער זיווג (ליד) — ס. פאלמע .. .. .. 26
ל. בערמאן, דער קינסטלער און גרינדער פון בן־אורי — י. ביעטש 27
פאמע (ליד) — אברהם פנחס ציקערס .. .. 30
לאנג לעבן זאלן שיינע ווערטער (איבערלעבענישן) — משה עובד 32
זומער ליד (ליד) — ש. זאלקין .. .. .. 34
סאנעטן טריפטיך, קאנסטעלאציעס... (לידער) — א. נ. שטענצל 36
אויפן ראנד פון א מצבה (רעצענזיע) — זיינוול דיאמאנט 41
פון א וועלט וואס איז נישטא מער — ד"ר יעקב מייטליס 46
ל. ש. קרעדיטאר (איבער זיין דראמע „בראשית") — נ. ש. .. 53
די יידישע פרעסע און די באפרייטע לענדער — יוסף פרענקל 55
אפענער בריוו צום „אקטינג" טשיר־דבי — דוב ווארשאווסקי 58
יובילעאום־פייערונג (באריכט) — א. פאלושאק .. .. 62
ידיעות פון דא .. .. .. .. .. .. 64
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס .. .. 64



פרייז 1 שילינג

אבאנעמענט־פרייז:—13/6 פאר א יאר;
אין אויסלאנד:—3 דאלאר א יאר
1/8 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן א.1.